ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# סיפורי קדושים

אידיש

**125**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

ספר

# סיפורי קדושים

דא ווערט בעשריבען ווינדערליכע און שעהנע געשיכטעס פון
פיל גרויסע נאטע יודען צדיקים וואס זייערע נעמען איז בעוואוסט
אויף דער גאנצער וועלט און אויך האבען מיר מוסיף געווען
א מעשה נפלא פון הרב ר' אלימלך זצ"ל, און פון הרב
ר' יעקב שמשון שפיטאווקע זצ"ל זייערע גרויסע זכותים
זאלין אויף אונז מגין זיין.

פערלאג און איינענטהום ר' בנימין ליבעסקינד
ספרים האנדעל אין פיעטרקוב

## פיעטרקוב

שנת תרע"א לפ"ק

## א.

# אַ שֶׁעֶנֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן הָרַב ר׳ יוּדֶעלִ׳י פוּן גְרִידוּנְג זצ״ל.

צוּם הרב רבי יודעל׳י פֿוּן גרידונג זצ״ל אִיז אֵיינמאָל נֶעקוּמֶען אֵיין ווײַבּעל מִיט אֵיין גֶעוויין, אוּן אִיהם גֶעבֶּעטֶען, אַז אַזוֹי ווִי אִיהר מאַן אִיז גֶעפֶעהרלִיך קראַנק עֶר זאָל צוּ אִיהם אַהײם קוּמֶען, מחמת אִיהר מאַן האָט עֶפּיס נײטִיגֶע זאַכֶען צוּ רעֶדֶען מִיט אִיהם, אוּן ווײַל עֶר קֶען נִישט גֶעהן צוּם רב בֶּעט עֶר, אַז דעֶר רב זאָל זִיך מטריח זײַן אוּן צוּ אִיהם קוּמֶען, הרב ר׳ יודעל׳י האָט גֶעטוּהן אִיהר בקשה אוּן אִיז מִיט נאָך עֶטלִיכֶע מֶענשֶען גֶעגאַנגֶען צוּם חולה, ווען זײ זענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּם הויז פֿוּן חולה האָט דעֶר רב גֶעפֶענט דוּ טהיר אַרײַנצוּגֶעהען אוּן פּלוּצלִינג אִיז עֶר דעֶרשראָקֶען גֶעוואָרֶען אוּן אִיז צוּרִיק גֶעשפּרִינגֶען אוּן פֶער־מאַכט דִי טהִיר אוּן אוּנטעֶר דעֶר טהִיר גֶעשטאַנֶען אַזוֹי עֶטלִיכֶע מִינוּט, דעֶרנאָך האָט עֶר צוּרִיק גֶעעֶפֶענט דִי טהִיר אוּן אִיז אַרײַנגֶעקוּמֶען אוּן זִיך גֶעזעֶצט בײַם קראַנקֶען, דעֶר קראַנקעֶר האָט גֶעוויינט פֿאַר׳ן רב וואָס עֶר פִּיהלט זִיך, אַז עֶר וועֶט באַלד שטאַרבּען אוּן עֶר האָט נִישט קײן שוּם מעשים טובים וואָס זאָלֶען אוֹיף אִיהם מגין זײַן, האָט דעֶר רב אִיהם גֶעפֿרעֶגט צוּ עֶר גֶעדעֶנקט עֶפּיס פֿוּן אַגוּטֶע זאַך וואָס עֶר האָט גֶעטוּהן אוּן זײַן לעֶבּען האָט דעֶר קראַנקעֶר אִיהם גֶעעֶנטפֿעֶרט אַז עֶר האָט גאַר נִישט קײן שוּם מעשים טובים, עֶר אִיז זעֶהר אַפּראָסטעֶר מעֶנש, אוּן קאָן כּמעט נִישט דאַווענֶען, זײַן פּרנסה אִיז, וואָס עֶר אִיז אַ שִׁינדעֶר דהיינוּ וואָס עֶר שִׁינדט אָפּ דִי פֶעל פֿוּן דוּ בהמות וואָס ווערֶען גֶעשאָכטֶען אִין שחט־הויז, דעֶר רב האָט אִיהם אַפּאָר מאָל גֶעפֿרעֶגט, עֶר זאָל זִיך גוּט דעֶרמאַנֶען, צִי עֶר האָט עֶפּיס אִין זײַן לעֶבּען נִישט קײן גוּטס גֶעטוּהן עֶמִיצֶען, דעֶר חולה האָט גֶעשווִיגֶען אַווײַלֶע דעֶרנאָך האָט עֶר זִיך אָן עֶפּיס דעֶרמאַנט אוּן האָט דעֶם רב דעֶרצעֶהלט אַ זאַ מעשה, אִיך דעֶרמאַן מִיך אָן עֶפּיס אַקלײנֶע טובה וואָס אִיך האָבּ גֶעטוּהן אִין מײַן לעֶבּען, אִיך בִּין אֵיינמאָל אִין דעֶר פֿרִיה גֶעגאַנגֶען אוּן שחט־הויז צוּ מײַן אַרבּייט האָבּ אִיך גֶעזעֶהען ווִי אַוואָגֶען פִֿיל אָנגֶעפּאַקט מִיט מעֶנעֶר, ווײַבּעֶר אוּן קִינדעֶר פֿאָהרט אַראָבּ פֿוּן אַ באַרג, אוּן דעֶר בעל־עגלה אִיז גֶעוועֶן שִׁיכּוֹר אִין האָט נִישט גֶעהאַלטֶען דִי פֶערד מִיט ישוב הדעת, אַז דעֶר וואָגֶען זאָל קאָנֶען פאַמעֶלעֶך אוּן גלײַך אַראָבּ־פֿאָהרֶען פֿוּן באַרג, אוּן דִי פֿעֶרד זענֶען אַראָבּ־גֶעגאַנגֶען פֿוּן גלײַכֶען וועֶג, אִין אַלֶע רײַזעֶנדעֶר זענֶען גֶעשטאַנֶען אִין אסכנה אַראָבּצוּפֿאַלֶען פוּן וואָגֶען אוּן ח״ו צוּמאָרשט ווערֶען, מחמת פֿוּן בײדֶע זײַטֶען באַרג אִיז גֶעוועֶן גרוּבּעֶר טאָהלֶען אִין אִיבּעֶר דִי גרוֹיסֶע משא וואָס אִיז גֶעוועֶן אָנגֶעלײגט אוֹיפֶען וואָגֶען האָבֶּען דִי פֶערד נִישט גֶעקֶענט אײַנהאַלטֶען דאָס לוֹיפֶען פֿוּן וואָגֶען באַרג־אָפּ, אִיך בִּין גֶעגאַנגֶען קעֶגֶען

איבער

## אַ געשיכטע פֿון הרב ר׳ יודעל׳י פֿון גרידזנג זצ״ל

איבער דעם וואָגען, אַז איך האָב געזעהן אַז אַלע מענשען שטעהען אין אַסכנה אַראָבצופֿאַלען פֿון וואָגען און געהערט די געשרייען פֿון אַלע מענשען בין איך שנעל געלאָפֿען צום וואָגען און מיט׳ן גאַנצען כח אײַנגעהאַלטען די פֿערד און מיט׳ן אַקסעל אײַנגעהאַלטען דעם וואָגען ביז אַלע מענשען זענען פֿון וואָגען אַראָבגעשפּרונגען, דערנאָך האָב איך נאָך געלאָזט דעם פֿערד און וואָגען, און זיי האָבען זיך מיט אַנאַליאָפּ שנעל אַראָבגעלאָזט פֿון באַרג, די פֿערד זענען געהרג׳ט געוואָרען אין דער וואָגען איז צובראָכען געוואָרען אויף פּיצלעך, און דורך מיר זענען אַלע מענשען ניצול געוואָרען, דאָס איז די קלײנע זאַך וואָס איך האָב זיך דערמאַנט, מעהר האָב איך נישט קײן שום מעשים טובים, וואָס זאָלען פֿאַר מיר זײַן אַ מליץ יושר אויפֿען עולם האמת, דער רב האָט בעפֿוילען אויף דעם חולה, אַז ער זאָל איהם צו זאָגען, אַז נאָכ׳ן טויט זאָל ער איהם מודיע זײַן וואָס עס טהוט זיך מיט איהם דאָרט אויף יענער וועלט, ווען הרב ר׳ יודעל׳ע איז אהײם געקומען האָבען איהם געפֿרעגט די מענשען וואָס זענען מיט איהם מיט געגאַנגען, פֿאַר וואָס ווען ער האָט געעפֿענט די טהיר איז ער דערשראָקען געוואָרען אין צוריק געשפּרינגען און צוריק פֿערמאַכט די טהיר אין דאָרט געשטאַנען אַקלײנע ווײַלע דערנאָך האָט ער געעפֿענט די טהיר אין איז צוריק אַרײַנגעגאַנגען, האָט דער רב זיי געענטפֿערט, צום ערשט האָב איך געמײנט אַז איך געה מבקר חולה זײַן אַפּראָסטען מענש, ווי איך האָב אָבער נור געעפֿענט די טהיר האָב איך געזעהען ווי בײַם חולה צוקאָפּענס העננט אַ פֿײַערדיגע מנורה און זיבען פֿײַערדיגע ליכטלעך ברענען און דער מנורה און דאָס קומט נור אַגרויסען צדיק און דערום האָב איך איהם עטליכע מאָל געפֿרעגט ער זאָל מיר דערצעלען זײַנע מעשים טובים וואָרום מאָמער איז ער אַנסתר (אַ פֿער באָרגענער צדיק) ביז ער האָט זיך דערמאַנט אין האָט מיר דערצעהלט די מעשה ווי אַזוי ער האָט די אַלע מענשען אין וואָגען געראַטעוועט און אין אמת אַרײַן האָט ער דאָס געטוהן מיט גרויס מסירת הנפש, וואָרום ער אַלײן האָט אויך גרינג געקענט געהרג׳ט ווערען צוזאַמען מיט זיי אין מיט דעם וואָס ער האָט זיך אײַנגעשטעלט זײַן לעבען און געראַטעוועט אַזוי פֿיעל מענשין האָט ער זוכה געוועזען אַז בײַ איהם צוקאָפּענס זאָל שטעהען די מנורה.

אין אַ צײַט אַרום איז דער מת געקומען ר׳ יודעלי׳ן צום חלום און האָט איהם געזאָגט אַז די מלאכים לאָזען מיך נישט פֿריהער אַרײַן אין גן עדן ביז איך וועל אַלעם דערצעהלען אײַך רבי יודעל, און אַזוי איז מיט מיר צוגעגאַנגען: באַלד ווי איך בין געשטאָרבען האָט מען מיך גענומען אין הימעל אַרײַן און מען האָט גענומען וועגען מײַנע גוטע מעשים אין די שלעכטע, די גוטע מעשים זענען געוועזען זעהר וועניג און די פֿיעל שלעכטע מעשים האָבען איבערגעוואויגען די גוטע,

אונדעם

אינדעם איז אָבגעקומען אַ וואָגען פיל מיט מענער, ווייבער און קינדער און מיט נאָך פיעל משאות און מען האָט דעם וואָגען אַ רויפגעשטעלט אויף דער וואָג שאָל פון די גוטע מעשים, און מחמת דער שווערקייט פון וואָגען און מיט אַלעם וואָס איז דערויף געלעגען און אויך מיט דער בלאָטע אויף די רעדער האָט די וואָג=שאָל פון מצות איבער=געוואוינען די עברות און דאָס בית דין של מעלה האָט געפסקענט אַז מען זאָל מיך פיהרען אין גן עדן אַריין, אַז איך בין געקומען צו דער טהיר פון גן עדן האָט מען מיך פריהער נישט אַריינגעלאָזט ביז איך וועל מקיים זיין מיין צו זאָג אייך אַלעס צו דערצעהלען און מעהר טאָר איך שוין נישט מגלה זיין פון יענער וועלט וואָרום אַזוי האָט מען מיר דאָרט אָנגעזאָגט, זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין אמן.

# ב.

# אַמַעֲשֶׂה נִפְלָא פון הָרַב ר' אֱלִימֶלֶךְ זצ"ל.

די מעשה האָט מיר דערצעהלט ה"ר ישראל שו"ב פון **באלטא**. איינמאָהל איז דער רבי רב אלימלך זצ"ל קראַנק געוואָרען אין געלעגען אין דער היִנער=פּלעט, ווען ער איז געזונד געוואָרען, האָט ער אַזוי דערצעהלט ווען איך בין קראַנק געווען איז צו מיר געקומען דער הרה"ק בעל=המחבר פון „חסד לאברהם" און האָט צו מיר אַזוי געזאָגט; איך האָב געשריבען צעהן ספרים און מען לערינט אין זיי אין גן עדן, דען זיי זענען זעהר חשוב אין הימעל אָבער ווען אייער ברודער ה"ר זוסיא איז זיך מכין צום דאַווענען ציטערען פאַר איהם אַלע אויבערשטע וועלטען און ווער שמועסט נאָך דאָס דאַווענען זעלבסט, זאָגט מיר אייער ניַיעם דרך, וואָס איהר האָט מחדש געווען, און אויך אַלע נשמות וואָס קומען פון עולם השפל הייסט מען זיי געהען לערנען אין דער ישיבה פון הרה"ק ר' שמעלקא זצ"ל, דער רבי ר' אלימלך האָט איהם געענטפערט אויף יעדער שאלה, ווען דער ר' אלימלך האָט דאָס דערהערט וואָס ער איז געווען איינער פון ר' שמעלק'ס ישיבה, איז ער תיכף דאָרט אַ היין געגאַנגען אין דער ישיבה, ווי ער איז דאָרט אַ היין געקומען האָט ער געטראָפען שטעהען ביי דער טהיר איינעם אַפּראָסטען מענש וואָס מען האָט איהם גערופען מרדכי אַיינבינדער, ווייל ער האָט זיך דערנעהרט פון אַיינבינדעריי, און איז הערשט נישט לאַנג געשטאָרבען, האָט איהם דער ר' אליטלך נעפרעגט, מרדכי אַייגבינדער ווי קומסט דו דאָ אַהער און מיט וואָס האָסט דו דערצו זוכה געווען, האָט איהם ר' מרדכי געענטפערט רבי, ווען מען וואָלט געהערט אין הימעל אַז איהר רופט מיך מרדכי און נישט ר' מרדכי וואָלט מען אייך מעניש

נעוועזן

נעווען, ווארום אין הימעל האט מען אויסנערופען מען זאל מיך שוין מעהר נישט רופען מרדכי נור ר' מרדכי, האט ער איהם נעזאגט, ר' מרדכי וואס טהוסט דו דא איך קאן דאך דיך אלס פראסטער מענש, האט איהם ר' מרדכי נעענפערט, עס איז טאקע אמת ווי איהר זאגט נור איך וועל אייך דערצעהלען דעם גאנצען ענין, באלד נאך מיין שטארבען האט מען נעוואונען מיינע מעשים, אין די וואג=שאל פון די עברות האט איבערנעוואוינען, און מען האט מיך נעלאזט אין ניהנם אריין, און תיכף האט מען מיך פון ניהנם צוריק אַ רויסנענומען אין נעברענגט פאר דעם בית=דין=של=מעלה, ווארום מיין שטייגער איז נעווען, אז אלע לייִדינע שטיקלעך פאפיער וואס איך האב אבנעשוירען פון הייליגע ספרים האב איך זיי נישט אוועק געווארפען נור אריינגעלעגט אין זעק אין זיי בעהאלטען אויף דעם בוידעם, און ווען איך בין נעקומען פאר דעם בית=דין=של=מעלה האב איך דערקענט מיינע זעק און מען האט די זעק מיט דעם פאפיער ארויפגעלעגט אויף דער וואג=שאל פון די מצות און די אייגענע וואג=שאל האט איבערנעוואוינען די עברות, און מען האט נעפסק'ענט אז עס קומט מיר דער גן=עדן, און תיכף האט מען אויסנערופען אין הימעל אז מען זאל מיך רופען ר' מרדכי און נישט „מרדכי", נור אין גן=עדן אריין דארף מען קענען לערנען, האט מען מיט מיר אנגעהויבען צו לערנען נגלה, נגלה קען איך שוין אין היינט וועל איך אנהויבען צו לערנען נסתר, האט מען מיך געהייסען נעהען און דער ישיבה פון רבי'ן ר' שמעלקע, כדי צו לערנען נסתר און דערום בין איך דא אהערגעקומען.

## ג.

# אַוואונדערליכע מעשה פון אַטרעגער. און וואס ער האט פועל געווען.

די מעשה האט מיר דערצעהלט ה"ה ר' דובער ב"ר ליפא ז"ל, און דאס האט פאסירט און דו צייט פון האר"י ז"ל.

אין אַ שטאדט פון ארץ=ישראל איז נעווען אַ פראסטער מענש אַלאמט טרעגער, איז דער טרעגער נעקומען צום רב פון זיין שטאדט און האט איהם נעפרעגט אויף וועלכען אופן קען ער זיך פיהרען ווי אַ כשר'ער יוד, ווארום ער איז נעווען זעהר אַפראסטער מענש און נעהאלט זיך פיהרען יודיש נור ער האט נישט נעוואוסט ווי אזוי; דער רב האט איהם נעפרעגט אויב ער קאן אַ ריין קוקען אין אספר האט

## אַ שעהנע מעשה פון הרה"ק ר' אלימלך זצ"ל

דער טרעגער איהם געענטפערט אַז ניין, נור ער קאָן בלויז עטליכע ווערטער פון דאַווענען קוים שטאַמלען, האָט דער רב איהם קודם כל מזהיר געווען ער זאָל זיך פיהרען אין אָרענטליכען וועג, ער זאָל נישט גנב'נען און גזל'ען חס ושלום און ער זאָל אַלע טאָג דאַווענען און אויך זאָגען תהילים, דער טרעגער האָט אַלעס אָבגעהיטען וואָס דער רב האָט איהם געהייסען, און אין אַ קורצע צייט אַרום האָט איהם גאָט ב"ה געהאָלפען און האָט פערלאָזט די ערשטע פרנסה און האָט זיך געקויפט אַ פערד און איז געוואָרען אַוואַסער=פיהרער, ער איז יעצט ווייטער געגאַנגען צום רב, ער זאָל איהם לערנען ווי אַזוי ער זאָל זיך אין דער פרנסה פיהרען יודיש, האָט דער רב איהם געזאָגט אַלעס לויט זיין מבינות, און ער האָט ווייטער אָבגעהיטען וואָס דער רב האָט איהם געהייסען, און גאָט ב"ה האָט איהם בעגליקט און ער האָט די פרנסה אויך אַוועק געוואָרפען און איז געוואָרען אַ קרעמער און זיך געעפענט אַ געוועלב, און איז ווייטער געגאַנגען צום רב ער זאָל איהם לערנען ווי אַזוי זיך נוהג צו זיין און דער דאָזיגער פרנסה און דער רב האָט איהם געלערנט ער זאָל קיינעם נישט נאַרען, און ער זאָל געבען אַ גוטע וואָג, דער מענש האָט אַלעס אָבגעהיטען וואָס דער רב האָט געזאָגט ביז ער איז געוואָרען אַגרויסער סוחר און אַגרויסער עושר.

איינמאָל האָט זיך געטראָפען אַז עס איז אין דער שטאָדט געווען איין אויפהאַלטונג פון רעגען האָט דער רב גוזר תענית געווען אין דער רב האָט אַרום געשיקט אַ שליח אין דער שטאָדט צו זעהען אויב אַלע פאַסטען, אַז דער שליח איז געקומען צום עושר אין דער שטוב אַריין האָט ער דערזעהן, ווי מען עסט דאָרט מיטאָג, דער שליח האָט דער=צעהלט דעם רב, אַז דער עושר איז נישט מקיים דעם תענית, האָט דער רב געשיקט נאָך דעם עושר אין האָט איהם געפרעגט פאַר וואָס איז ער נישט מקיים זיין גזרה צו פאַסטען, האָט דער עושר זיך פאַר איהם פערענטפערט, אַז ער האָט כלל נישט געוואוסט פון דער גזרה, און ווען ער וואָלט געוואוסט פון דער גזרה וואָלט ער אַ וודאי מקיים געווען דעם תענית, און ער האָט דעם רב געפרעגט צוליעב וואָס האָט ער גוזר תענית געווען, האָט איהם דער רב געענטפערט, אַז אַזוי איז אַ מנהג ביי יודען ווען עס ווערט אַ רעגען אויפגעהאַלטען ח"ו דאַרף מען פאַסטען אין בעטען רחמים פון גאָט ב"ה, אַז ער זאָל צושיקען אַ רעגען, דער עושר האָט אַלעס אויסגעהערט וואָס דער רב זאָגט צו איהם און ער האָט זעהר רחמנות געקריגען אויף די יודען אין איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און רב'ס שטוב און אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האָט געבעטען גאָט ב"ה מיט די ווערטער; רבש"ע אַזוי ווי איך פאָלג דיך, בעט איך דיך פאָלג מיך אויך עס זאָל געהען אַ רעגען, באַלד ווי ער האָט נור געענדיגט די תפלה האָט זיך באַלד אויפגען הימעל וואָלקען'ס בעוויזען, און עס האָט אָנגעהויבען צו

רעגענען

רעגענען, דער רב און די אַלע מענשען וואָס זענען דאָרט געשטאַנען האָבען זיך זעהר געוואונדערט, וואָס דעם עושר'ס תפלה האָט באַלד פועל געווען, און זיי האָבען אָנגעהויבען איהם נאָכ=צופאָרשען צו ער איז נישט פון די פערבאָרגענע צדיקים, אָבער ער האָט מודה געווען זיי, אַז ער איז אַ פּראָסטער מענש, נור וואָס דער רב לערינט איהם טוהן היט ער עס אָב בתמימות און מיט דעם גאַנצען הארץ, און יעדעם מאָל ווען ער ווענט עפּיס זעהט ער אויף דעם ציינגעל פון דער וואָג דעם שם הוי"ה, פון דאַנען איז צו זעהען ווי גרויס איז די תפלה וואָס מען איז מתפלל מיט דעם גאַנצען הארץ, אפילו פון אַ גאַנץ פּראָסטען מענש.

## ד.

# אַ מַעֲשֶׂה נִפְלָא פון הרה"ק ר' אֱלִימֶלֶךְ זצ"ל.

די מעשה האָט מיר דערצעהלט דער חסיד הרב ר' בעריל ז"ל, אַז ער האָט איינמאָל געהערט פון הרב הקדוש ר' ישראל אברהם זצ"ל פון טשירנאסטרהא, וואָס ער האָט זעהר געזיפצט אויף דעם וואָס ער איז מקצר געווען דאָס דאַווענען, און ער האָט זיך בעקלאָגט אויף זיך אַליין פאַר וואָס ער איז אַזוי מקצר ביי דער תפלה און טהוט נישט אַזוי ווי זיין פעטער הרב ר' אלימלך זצ"ל.

דער שטייגער פון ר' אלימלך איז געווען, ווען עס איז געקומען ראש חודש אלול האָט ער זיך אָבגעזונדערט ביז נאָך דעם יום הקדוש און ער האָט זעהר מקפיד געווען, מען זאָל איהם נישט מטריח זיין מיט נישט קיין נייטיגע בקשות, אַ חוץ צו זעהר אַ נייטיגע זאַך אָדער וועגען פקוח נפשות, דעמאָלט פלעגט ער נעמען אַ קוויטעל, און דאָס אויך נור בקיצור מען זאָל איהם נישט מפסיק זיין און מיטען גאָט=דינען, די אַלע מענשען וואָס זענען צו איהם געפאָהרען האָבען שוין פון דעם געוואוסט און האָבען זיין רצון מקיים געווען, איינמאָל האָט זיך געטראָפען אַז אין אַ וויטע שטאָדט פון ליזענסק וואו ר' אלימלך האָט געוואוינט, איז געווען אַ רייכער מאַן, זעהר אַ בכבוד'ער און ער האָט געהאַט אַ זוהן אַ מושלם בכל המעלות, איז ער רחמנא ליצלן משוגע געוואָרען און אַלע רפואות וואָס דער פאָטער האָט געמאַכט דעם זוהן האָבען גאָר נישט געהאָלפען, דער פאָטער האָט געמוזט דינגען אַ שומר צו זיין זוהן, איהם צו היטען, מען קען אַליין פערשטעהען, דעם גרויסען

## אַ מעשה נפלא פון הרה"ק ר' אלימלך זצ"ל מיט אלי' הנביא

צער וואָס דער פאָטער האָט דער=פון געהאַט, און נאָך פיעל פאַרשען האָט דער פֿאָטער געוואָהר געוואָרען, אַז דער רבי ר' אלימלך זצ"ל איז אַ גרויסער בעל=מופת,] און אַלע וואָס קומען צו איהם ווערען באַלד געהאָלפען, דעריבער איז ביי איהם געבליבען, צו פֿאָהרען מיט זיין קראַנקען זוהן צום הרב הקדוש, אין ער האָט עקסטרע געדינגען אַ וואָגען, און מיט גענומען דעם זוהן און דעם שומר אין געמאַכט זעהר פיעל הוצאות ביז זיי זענען געקומען קיין ליזענסק אין מיטען פֿאָהרען איז זיי אַקעגען געקומען . אַ מענש, [דאָס איז געווען אליהו הנביא ז"ל], ווי דער קראַנקער זוהן האָט געזעהן דעם מענש זיי אַקעגען געהען האָט ער געזאָגט צום פאָטער; טאַטע גיב דעם אָרומאַן איין אָרענטליכע נדבה, ווי דער פֿאָטער האָט דערהערט פון זיין קראַנקען זוהן אַזעלכע גליַיכע און גוטע ווערטער וואָס ער איז ביז אַהער גאָר ניט געוואוינט געווען פון איהם דאָס צו הערען האָט ער פֿאַר גרויס שמחה אַ רויסגענומען אַטאָהלער [דאָס האָט דעמאָלט בעטראָפֿען 8 גילדען] און צוגערופען דעם אָרימאַן און איהם געגעבען דעם טאָהלער, דער אָרימאַן האָט צוגענומען און געדאַנקט דעם עושר, נאָכדעם האָט ער געפרעגט דעם עושר זאָגט מיר ווי אַהין פֿאָהרט איהר, האָט דער עושר איהם געענטפֿערט איך פֿאָהר צום הרב הצדיק פון ליזענסק מיט מיין קראַנקען זוהן, אפשר וועל איך דאָרט געהאָלפֿען ווערען, האָט דער אָרומאַן איהם געענטפֿערט אַייער זוהן איז דאָך געזונד, און איז ב"ה שוין אויסגעהיילט פון זיין משוגעת און לויט מיין דעה דאַרפט איהר שוין נישט צום הרה"צ און קאָנט שוין צוריק אַהיים פֿאָרען, דער עושר האָט איהם געענטפֿערט, עס קען זיין אַז איהר זענט גערעכט, אַז מיין זוהן איז ב"ה שוין אין גאַנצען געזונד, אָבער נאָך דעם גאַנצען וויַיטען וועג און די גרויסע הוצאות אין פיעל בעמיהונגען, און אַז איך בין שוין יעצט נאָהנט קיין ליזענסק, היתכן, ווי שוקט זיך עס, אַז איך זאָל מיך נישט זעהען מיט דעם הרב הצדיק, האָט דער אָרימאַן איהם געענטפֿערט אייערע טענות זענען גערעכט אָבער איך בין אייך מזהיר איהר זאָלט נישט בעלעסטיגען דעם הרב הצדיק מיט אַייערע רייד, וואָרום אַייער פֿערלאַנג און בקשה, איז שוין לאַנג ערפֿילט געוואָרען און באַלד איז דער אָרומאַן ענטקומען פון זייערע אויגען, דער עושר האָט געזעהן אַז זיין זוהן איז טאַקע אמת'דיג געהיילט געוואָרען פון משוגעת און רעדט שוין יעצט גלייך ווי אַלע מענשען אין ער האָט דערפֿון געהאַט אגרויס נחת רוח און פיעל פֿערגעניגען און איז באַלד אַ ריינגעקומען קיין ליזענסק אין איין גאַסטהויז אין האָט זיך אָנגעריַיט אַ קוויטעל מיט אַ פדיון פון צוועלף רענדלעך אין איז געגאַנגען צום הרב הצדיק ר' אלימלך, דאָרט האָט מען איהם געזאָגט די פיהרונג פון הרה"צ אַז פון ראש חודש אלול ביז נאָך יום כפור נעמט דער רבי נישט אָן קיין קוויטלעך נור צו זעהר אַנגעזעהענע זאַך, דעמאָלט איז פינקט געווען אין מיטען חודש אלול, און ער האָט

אנגעהויבען

אָנגעהויבען צו בעטען דעם גבאי; ער זאָל בעטען דעם הרה"צ ער זאָל אַרײַנלאָזען צו זיך מחמת נאָך אַזײַ גרויסען און ווײַטען וועג און נאָך אַזוי פֿיעל טרחות זאָל ער מיט איהם רעדען בקיצור, און האָט דעם גבאי געגעבען עפּיס געלד פֿאַר דער טרחה, דער גבאי איז אַרײַנגעגאַנגען צום רבי און האָט איהם דער=צעהלט די בקשה פֿון עושר, און דער רבי האָט איהם אַרײַנגעלאָזט, דער עושר איז מיט דעם זוהן אַרײַנגעקומען צום רבי און האָט איהם געגעבען שלום און האָט איהם אַנידערגעלעגט אַ פדיון פֿון צוועלף רענדלעך מיט אַקוויטעל, דער הרה"ק האָט פֿאַר זיך געזאָגט מיט אַטרויערינגען נגון די ווערטער; האַ", האַ" אליהו הנביא ז"ל גיט מען איין טאָהלער און אלימלך'ן גיט מען נאָדרענע רענדלעך, און האָט דעם עושר געגעבען אַ ברכה און זיך געזעגענט מיט איהם, יעצט האָט הערשט דער עושר פֿערשטאַנען אַז דער וואָס ער האָט בעגעגענט אויפ'ן וועג איז געוועזען אליהו הנביא ז"ל, און הרב הקדוש ר' אברהם ישראל ז"ל האָט אויס=געזאָגט די מעשה, מיט די ווערטער, זעהט ווי גרויס מײַן פֿעטער ר' אלימלך איז געוועזען, אַז מען האָט פֿון הימעל עקסטרע מטריח געוועזען אליהו הנביא ז"ל כדי ער זאָל מזהיר זײַן דעם עושר ער זאָל דעם הרה"צ נישט באַלעמוטשען און מיטען עבודת השי"ת און ווי אַזוי זאָל איך זיך נישט שעמען אַז מײַנע מעשים דערגרײַכען נישט צו די מעשים פֿון מײַן פֿעטער הרה"ק און איך בין נאָך נישט געקומען צו אַזאַ מדרגה ווי ער, און ער האָט זיך זעהר פֿיעל מצער געוועזען און געזיפֿצט דערויף זײַערע זכות זאָל אונז בײַשטעהן אמן.

ה

# אַמַעֲשֶׂה נוֹרָא פון הָרַב הַגָּדוֹל ר' יעקב שמשון זצ"ל. דֶער רָב פון שיפוטיווקע.

דער הרב הקדוש ה"ר יעקב שמשון זצ"ל איז אויף דער עֶל=טער געפֿאָהרען קײַן ארץ=ישראל, און איז פֿריהער אַרומגעפֿאָרען און פֿיעל שטעדט צוזאַמען=צוגעמען נדבות פֿאַר די אָרימע לײַט פֿון ארץ=ישראל, אײנמאָל איז ער געקומען אין אַגרויסע שטאָדט און אַלע גרויסע לײַט פֿון דער שטאָדט זענען איהם אַקעגען געגאַנגען און זיך מיט איהם זעהר געפֿרעהט, וואָרום זיי האָבען געהאַט אשאלת עגונה און זיי האָבען נישט געקענט געפֿינען קײַן היתר די עגונה אויפֿצו=בינדען, די מעשה דערפֿון איז אַזוי געוועזען

## אַ ווּנדערליכע מעשה פֿון ה״ר יעקב שמשון ז״ל מיט די צוויי געפֿאַנגענע

צוויי יודען זענען געפֿאָהרען וועגען מסחר אין ווייטע לענדער, דאָרט ווי די ערביים האַלטען זיך אויף, און זענען צוגעקומען צו אַזאַ אָרט, וואו דאָרט האָט קיין שום יוד נישט געוואָהנט נור בלויז ערביים, און צוויי ערביים האָבען זיי גענומען געפֿאַנגען אין זיי געפֿיהרט אין דעם דאָרף ווי זיי האָבען געוואוינט, איינער האָט געוואוינט אין איין עק פֿון דעם דאָרף און דער צווייטער ערבי האָט געוואוינט אין צווייטען עק. איינעם פֿון די געפֿאַנגענע האָבען די ערביים געמאַכט פֿאַר אַ שאָף פּאַסטוכער און דעם צווייטען פֿאַר אַ פּאַסטוכער פֿון קעלבער און פערד, יעדען טאָג ווען די פּאַסטוכער האָבען געפֿיהרט זייערע בהמות צו פּאַשען האָבען זיי זיך צוזאַמען געטראָפֿען אויף דער פּאַשע און האָבען ביידע געוויינט, וואָס וועט זיין זייער סוף? יעדער האָט דאָך אין דער היים איבער-געלאָזען אַ ווייב מיט קינדער און האָבען נישט די מעגליכקייט צוריק אַהיים צו קומען, איינמאָל איז דער קעלבער-פּאַסטוך געקומען זיך זעהען מיט דעם שעפּסען-פּאַסטוך, ווי ער איז נור צוגעקומען צו זיין חבר׳ס פּאָשע האָט ער זיין חבר געטראָפֿען ליגען אויף דער ערד געבונדענער׳הייד. איז ער זעהר דערשראָקען געוואָרען און האָט איהם געפרעגט וואָס דאָס בעטייט? האָט דער געבונדענער איהם דער-צעהלט אַז אין דער פֿריהער-דינע וואָך איז געקומען אַ וואָלף אין אַ וועקנעכאַפּט אַ שעפּסעל פֿון דער סטאַדע, און ווען ער איז אויפֿדער-נאַכט אַהיים געקומען מיט די שעפּסען האָט זיין בעל הבית דערזעהן אַז עס פֿעהלט איין שעפּסעל, האָט ער איהם זעהר געשלאָגען און איהם געוואָרענט, אַז אויב עס וועט ביי איהם פֿעהלען נאָך איין שעפּסעל וועט ער איהם הרג׳ענען און עס וועט נישט העלפֿען קיין שום טענות, צומאָרגענ׳ס איז ווייטער געקומען צוויי וועלף אין דער סטאַדע אַריין און האָבען אַוועקגעכאַפּט צוויי שעפּסען פֿון איהם, ווען ער האָט אויפֿ-דערנאַכט אַהיים געבראַכט די שעפּסען האָט דער בעל-הבית דערזעהען, אַז עס פֿעהלט ווייטער צוויי שעפּסען, האָט ער זיך זעהר געבייזערט אויף איהם און האָט שוין נישט געוואָלט אָננהעמען קיין שום פֿער-ענטפֿער און איהם געוואָלט הרגע׳ען, און איהם געבונדען מיט שטריק און ווייל ער האָט ביי זיך נישט געהאַט קיין שווערד האָט ער איהם דאָ געלאָזט געבונדען און איז אַהיים געגאַנגען נאָך כּלי-זיין איהם צו הרג׳ענען, דאָס אַלעס האָט איהם דער געבונדענער דער-צעהלט, זיין חבר האָט איהם געוואָלט אויפֿבינדען און אַלע ביידע זאָלען ענטלויפֿען נור דער געבונדענער האָט איהם נישט געלאָזט, ווייל אַזוי אַרום זענען זיי ביידע אין אַ סכנה און מען קען זיי ביידע הרג׳נען, אויף דערום איז גלייכער אַז זיין חבר זאָל אַהיים געהען און זאָל ניצול ווערען און ער איז שוין סיי ווי פֿערלוירען, און דער געבונדענער האָט זיין חבר געבעטען, אַז ער זאָל קומען דאָ אַהער אויף דער נאַכט און זאָל איהם מקבר זיין ווי דער דין איז דער חבר זיינער האָט איהם אויף דערויף צוגעזאָגט און האָט זיך פֿון איהם צושיידט מיט אַגרוים געוויין

אויף

אויף דער=נאַכט האָט זײַן חבר אַלעס מקיים געווען וואָס ער האָט איהם
געהאַט צוגעזאָגט, ער האָט אויסגעגראָבען אַגרוב און דאָרט קובר געווען
זײַן חבר, און נאָכדעם איז ער אַנטלאָפֿען אויף אַ פֿערד פֿון די פֿערד
פֿון זײַן הערר, ביז ער איז בשלום אַהיים געקומען און דערצעהלט די
גאַנצע מעשה דעם נעהרג'ענטען'ס ווײַב, דער רב מיט די דיינים פֿון
דאָרט האָבען נישט געקענט מתיר מאַכען דעם געהאַרג'ענטען'ס ווײַב,
זי זאָל מעגען חתונה האָבען מיט איין אַנדערען, מחמת דעם, ווײַל
ווען זיי האָבען זײַן חבר געפֿרעגט צי ער האָט געזעהען דאָס פנים
פֿון זײַן חבר בעת ער האָט איהם קובר געווען, האָט ער גע=
טפֿערט, אַז איבער דער פֿינסטערקייט פֿון דער נאַכט האָט ער נישט
געקענט דערקענען זײַן חבר'ס פנים נור ער האָט איהם געפֿונען אויף דעם
איינענעם אָרט וואו ער האָט זיך געכטען מיט איהם געזעהען און מן
הסתם איז עס זײַן חבר און די גרויסע לײַט און לומדים פֿון דער
שטאָדט האָבען געפֿרעגט צום הרה״ג פֿון שפּיטיווקע ז״ל צי זיי קענען
מתיר זײַן די עגונה דורך דעם עדות=זאָגען פֿון זײַן חבר, און דער
הרה״ג ז״ל האָט זיי געענטפֿערט אַז על=פּי=דין, קאָן מען זי דורך דעם
עדות=זאָגען נישט מתיר מאַכען, ווײַל עס קען מעגליך זײַן אַז זײַן חב...
איז פֿון דעם אָרט אַנטלאָפֿען, און דער נעהרג'עטער איז עפּיס איין
אַנדערער בעטלער אויף זײַן אָרט, כן הוה, עס איז טאַקע אַזוי געווען,
אין עטליכע חדשים אַרום איז דער נעהרג'עטער צוריק אַהיים געקומען
און האָט אַזוי דער=צעהלט; ווען מײַן חבר האָט זיך מיט מיר צושיידט
און איז אַ וועקגעגאַנגען צו זיך אַהיים איז פֿאַר מיר אַדורך געגאַנגען
איין ערבי'שער בעטלער און האָט מיך געפֿרעגט פֿאַר=וואָס איך ליג דאָ אַנגע=
בונדענער, האָט מיר גאָט ב״ה צוגעשיקט ווערטער איך זאָל איהם
דער=צעהלען אַזאַ אויס=געטראַכטע מעשה; איך בין אַגעפֿאַנגענער ייד
ביי אַ רייכען ערבי און דעם ערבי'ס טאָכטער האָט מיך געבעטען איך
זאָל ערפֿילען איהר תאוה און בעגעהר מחמת איך בין אַ שיינער פֿאַר=
שוין און איך זאָל זי נעמען פֿאַר אַ ווײַב אָבער איך האָב נישט געקענט
איהר ווילען צוליעב טוהן ווײַל איך בין אַ ייד און לויט אונזער דין
איז דאָס פֿערווערט, איבער דעם איז זי קראַנק געוואָרען און מחמת
דעם האָט זיך איהר פֿאָטער אויף מיר געבייזערט און האָט מיך גע=
בונדען מיט שטריק און איז אַהיים געגאַנגען ברענגען אַשווערד מיך צו
טויטען, האָט דער בעטלער מיך געפֿרעגט אויב איך האָב עפּיס ביי
מיר געלד, האָב איך איהר געזאָגט אַז עס געפֿינט זיך ביי מיר עטליכע
גילדען, האָט דער בעטלער צו מיר געזאָגט גיב מיר די עטליכע גילדען
וועל איך דיך מציל זײַן פֿון טויט, אויף אַזאַ אופֿן; איך וועל דיך
אויפֿבונדען און די וועסט דיך אָנטוהן אין מײַנע קליידער און איך וועל
מיך אָנטוהן אין דײַנע קליידער און דו זאָלסט מיך בינדען און אַנידער=
לייגען אויף דײַן אָרט, און ווען דער רײַכער ערבי וועט דאָ אַהערקומען
וועל איך איהם זאָגען, אַז איך בין מרוצה זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב

צו

צו נעהמען ווארום איך בין אויך אַ שיינער מאַן, און דו וועסט דיר קענען דיין וועג׳ס געהען, איך האָב אַזוי געטוהן, איך האָב איהם אוועקגעגעבען דאָס גאַנצע געלד וואָס איך האָב געהאַט און מיך אָנגעטוהן אין זיינע מלבושים און דער בעטלער האָט זיך אָנגעטוהן אין מיינע קליידער און איך האָב איהם געבונדען אויף מיין אָרט און בין מיר אוועק=געגאַנגען, און דער ערבי האָט איהם געהרג׳ט און מיין חבר האָט איהם דאָס קובר געווען, דאָס אַלעס האָט דער=צעהלט דער חבר וואָס מען האָט גערעכענט אַז ער איז שוין טויט, דעמאָלט האָט די גאַנצע שטאָדט גערעש׳ט וועגען דער מעשה, און האָבען ערשט דעמאָלט געזעהן אַז די ווערטער פון הרב הגאון פון שפיטיווקע ז״ל זענען געזאָגט געוואָרען מיט רוח הקודש און זיין ניטער נאָמען איז געוואָרען מפורסם אין דער גאַנצער מדינה:

דערנאָך, ווען הגאון ר׳ יעקב שמשון ז״ל איז קיין סטאַמבול געקומען, האָט ער זיך אויפגעהאַלטען ביים רב, דער רב האָט איהם דער=צעהלט, אַז אַזוי ווי דער דאָזאָר פון דער שטאָדט איז אַ קרוב למלכות און ער איז אויך אַ מסור אין אַ שלעכטער מענש, און דער איינער דאָזאָר האָט אַדין=תורה מיט איינעם וועגען אַגרויסע סומע געלד, האָט דער מלך מיר בעפאָהלען דורך אַ שליח, אַז איך זאָל דעם דאָזאָר גערעכט מאַכען ביי דעם דין=תורה אָהן שום תירוץ, האָט דער רב זיך איין עצה געהאַלטען מיט הרב רבי יעקב שמשון ז״ל וואָס ער האָט דאָ צו טוהן ? . דער הרב הגאון ז״ל האָט איהם געענטפערט, מאַך דיך קראַנק, און זעץ מיך אויף דיין אָרט צו פסק׳נען דעם דין=תורה און איך וועל שוין וויסען וואָס צו טוהן, כן הוה. עס איז טאַקע אַזוי געווען, דער רב האָט געשיקט זאָגען דעם מלך, אַז אַזוי ווי ער איז קראַנק אין ער קען נישט קיין אַ נטהייל נעמען אין דעם דין=תורה, על=כן זעצט ער אויף זיין אָרט איין חכם פון די חכמי פוילען, וואָס איז זעהר אַ מפורסם אין דער מדינה און ער וועט דעם דין=תורה פסקענען, די ביידע בעלי=דינים זענען בעשטאַנען אויף דעם, אַז ער זאָל פסק׳נען זייער דין=תורה, און אויך איהם האָט דער מלך בעפוילען אַז ער זאָל דעם דאָזאָר גערעכט מאַכען ביים דין, מען האָט איינגעלעגט פסק=געלד, אין דער דין=תורה האָט זיך אָנגעהויבען, דער הרה״ג האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע בעלי=דינים, און האָט גערעכט גע=מאַכט דעם צווייטען בעל=דין און דעם מסור שולדיג געמאַכט, דער דאָזאָר און מסור וואָס איז שולדיג אַרויסגעגאַנגען פון משפט האָט דעם הרה״ג געמסר׳ט פאַר דעם מלך, אין דער מלך האָט נאָך איהם געשיקט דער גאון ז״ל איז אָהן מורא צו מלך געגאַנגען און מיט זיך מיטגענומען איין חומש, ווען ער איז געשטאַנען פאַר׳ן מלך, האָט דער מלך זיך אויף איהם געבייזערט און געצאָרנט, פאַרוואָס ער האָט נישט מקיים געווען זיין בעפעהל דעם מסור גערעכט צו מאַכען און דער הגאון ז״ל האָט איהם אָנגעהויבען צו זאָגען פסוקים פון חומש וואָס האָבען

אנגעהערט

אנגעהערט צו דעם ענין דהיינו! לא תגורו מפני איש, דאס הייסט: עמיץ זאל נישט מורא האבען פאר קיין מענש, דעמאלט ווען עמיץ פסק'נט א דין תורה, און נאך אזעלכע פסוקים, ווי דער הרב הגאון ז"ל האט געענדיגט זיין רעדען זענען זיינע ווערטער אלעמען געפאלען און דער מלך מיט זיינע שרים האבען זיך געוואונדערט אויף זיין ריין לשון, איינער זאגט עס איז אגרויס וואונדער וואס א חכם פון פוילען זאל קענען אזוי ניט ריידען טערקיש, און א צווייטער זאגט אז עס איז א פלא וואס א חכם פון פוילען זאל אזוי גוט קענען לאטייניש רעדען און א דריטער זאגט, אז עס איז נאך מעהר וואונדער וואס א חכם פון פוילען זאל קענען אזוי גוט רעדען פראנצויזיש, הכלל יעדען בעזונדער האט זיך געדוכטען, אז ער רעדט אויף דער שפראך פון זיין פאלק און דאס איז פאר=זיי געווען א גרויס וואונדער, דערנאך, ווען ער איז שוין אהיים געגאנגען האבען זיי איהם געשיקט צוריק רופען און האבען איהם געפרעגט, אין וועלכען לשון ער האט מיט דעם מלך גערעדט, און דער גאון ז"ל האט זיי געענטפערט מיט חכמה, די הייליגע תורה איז דאך געגעבען געווארען אין זיבעציג לשונות, און איך האב דאך מיט דעם מלך גערעדט פון חומש'ל ארויס, ווי איהר אליין האט דאס געזעהן, און דעריבער טאקע וויל די הייליגע תורה איז געגעבען געווארען אין זיבעציג לשונות דערום האט זיך אייך געדוכטען אז יעדער הערט זיין לשון, דער=נאך, איז ער מחמת זיין חכמה, געווארען חשוב אין מייער אין מלך'ס אויגען און אויך ביי אלע שרים.

## ו.

# א מעשה נורא פון הרב ר' יעקב יצחק ז"ל דער לובלינער רבי זצ"ל.

דער הרב הגאון הקדוש ר' יעקב יצחק זצ"ל פון לובלין ווען ער איז נאך געווען א בחור איז ער געגאנגען לערנען אין א ישיבה, ווארום ער איז געווען אגרויסער עלוי און געהאט א גוטען קאפ און אין דר גאנצע שטאדט האט זיך נישט געפינען קיין מלמד וואס זאל מיט איהם קענען לערנען דעריבער איז ער געגאנגען אין אישיבה און דארט אבגעוועזען א קורצע צייט האט ער בעסער געקענט לערנען פון אלע תלמידים און דער ראש ישיבה האט איהם זעהר ליעב געהאט דעמאלט איז געווען א מנהג ביי די עשירים, אז יעדער וואס האט געוואלט חתונה

מאכען

## אַ שעהנע געשיכטע פון הרב הקדוש מלובלין מיט זיין כלה

מאַכען זיין טאָכטער פאַר אַ תלמיד חכם, איז ער געפאָהרען אין דער
ישיבה און האָט געבעטען דעם ראש=ישיבה ער זאָל איהם אויסקלויבען
אַ גוטען בחור וואָס קען גוט לערנען פאַר זיין טאָכטער'ס וועגען,
איינמאָל איז אַ רייכער און אַ בכבוד'ער מענש געקומען אין דער איינענער
ישיבה וואו דער לובלינער האָט געלערנט, און האָט געבעטען דעם ראש=
ישיבה ער זאָל אויס=קלויבען אַ גוטען תלמיד, וואָס איז מושלם אין פיעל
מעלות און ער וועט געבען דעם חתן אַ גרויסען נדן און וועט אויך
אָרענטליך בעקליידען דעם חתן און געבען אויך איין אָרענטליכע מתנה
דעם ראש=ישיבה, דער ראש=ישיבה האָט אויס=געקליבען דעם לובלינער
וואָס איז געווען דער בעסטער פון זיינע תלמידים, דער חתן האָט
געפאַלען דעם מחותן, און עס איז באַלד געוואָרען געשלאָסען דער
שידוך מיט דעם בחור'ס הסכמה מען האָט אָבגעשמועסט די חתונה אויף
אַ קורצער צייט מחמת די חתן=כלה זענען שוין נישט אַזוי יונג געווען
אין עס איז שוין געקומען די צייט, זיי זאָלען חתונה האָבען
דער מחותן האָט זיין וואָרט געהאַלטען, און האָט דעם חתן אָרענטליך
אויס=געקליידט, און דער ראש=ישיבה מיט נאָך עטליכע זיינע תלמידים
זענען מיט=געפאָהרען מיט דעם חתן אויף דער חתונה, אין דער שטאָדט
ווי די כלה'ס פאָטער האָט געוואוינט ווען זיי זענען דאָרט אַהין=געקומען
האָט דער חתן געזאָגט צו זיינע חברים, איך וועל מקיים זיין וואָס די
גמרא זאָגט, אַז מען טאָר פריהער נישט מקדש זיין קיין אשה ביז מען
זעהט זי נישט און ער האָט געבעטען דעם ראש=ישיבה ער זאָל מסכים
זיין צו זיין בקשה, דער ראש=ישיבה האָט איהם מסכים געווען, און האָט
געהייסען איינעם פון זיינע תלמידים מיט געהען מיט דעם חתן אין חדר
פון דער כלה ער זאָל זי זעהען, דער חתן איז געגאַנגען מיט זיינע
חברים און האָט געזעהען זיין כלה און האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטען
עטליכע מינוט, דערנאָך איז ער צוריק=געגאַנגען אין זיין אַכסניא אַריין
און ער האָט געזאָגט צום ראש=ישיבה, אַז ער וויל נישט מקדש זיין
דער כלה, צוליעב אַ בעהאַלטענעם טעם, דער ראש=ישיבה איז זעהר
דער=שראָקען געוואָרען ווי ער האָט דאָס דער=הערט, וואָרום, היתכן?
ווי קאָן מען דאָס מבייש זיין די כלה און איהר פאָטער און איהר גאַנ=
צע משפחה? אין נאָך אַזאַ גרויס פערשעמקייט? און וואָס פאַר
אַ פעהלער האָט ער אין איהר געפינען? דער חתן האָט איהם בסוד אויסגע=
זאָגט דעם טעם, ווייל ער האָט געזעהען אַז איהר סוף וועט זיין, אַז זי וועט
זיך חס ושלום שמד'ען, היינט ווי אַזוי קען ער זי מקדש זיין, ווי
דער ראש=ישיבה האָט דאָס דער=הערט, האָט ער ביי זיך געוואוסט,
אַז ער איז נאָך נישט געקומען צו דער מדרגה, צו וויסען פערבאָרגענע
זאַכען, נור ער האָט פונדעסטוועגען נישט געקענט אָבלייקענען וואָס דער
חתן האָט געזאָגט, וואָרום טאָמער זאָגט אמת דער חתן, נור דער ראש=
ישיבה איז נאָך נישט געקומען צו דער מדרגה, און דעריבער האָט איהם
דער ראש=ישיבה געזאָגט, חאָטש דו זאָגס'ט אמת, פונדעסטוועגען ווי

ארום

## אַ שעהנע געשיכטע פון הרב הקדוש מלובלין מיט זיין כלה

אַרום קענען מיר אָבטוהן אַזאַ שאַנדע די כלה און דעם מחותן און איהר גאַנצע משפחה ובפרט אַז עס איז שוין אָפגעגרייט די גאַנצע סעודה און אַלע געסט זענען זיך שוין צוזאַמענגעקומען אויף דער חתונה וועט די שאַנדע זיין זעהר גרויס, חלילה וחס דו זאָלסט אַזאַ זאַך טוהן נור מיין עצה איז אַזוי, אַז די חתונה זאָל יאָ פאָרקומען, נור דו קענסט דיך אויסריידען בסוד מיט׳ן מחותן, אַז אויב דו וועסט נישט וועלען וואָהנען מיט איהר נאָך דער חתונה זאָלסט דו זי גט׳ען ווען דו וועסט נור וועלען, די עצה פון ראש־ישיבה איז דעם חתן געפעלען, און עס איז טאַקע אַזוי געוועזען, דער ראש־ישיבה האָט צוגערופען צו זיך דעם מחותן און האָט איהם אויסגעזאָגט בסוד אַז דער חתן וויל זי נישט מקדש זיין צוליעב אַ פערבאָרגענעם טעם, און איך האָב ביי איהם געפועל׳ט, אַז ער זאָל יאָ מקדש זיין אייער טאָכטער, נור מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל האָבען רשות ווען ער וועט נור וועלען, צו קענען זי גט׳ען, אין ער זאָל נישט האָבען קיין שום מניעה פון אייער צד, דער מחותן האָט באין ברירה דערויף בעשטאַנען און האָט דעם ראש־ישיבה צוגעזאָגט האַלטען וואָרט.

נאָך דער חתונה האָט דער יונגער־מאַן נישט געוואוינט מיט זיין ווייב און האָט נישט געהאַט קיין שום נאָהנטקייט צו איהר, ער איז ביי׳ם שווער אָבגעוועזען עטליכע חדשים ביז זיין שווער מיט זיין גאַנטץ הויזגעזינד האָבען נישט געקענט דערליידען זיין פיהרונג און געפאָדערט, ער זאָל זי גט׳ען, און דער יונגער־מאַן האָט תיכף איהר געגעבין אַ גט דערנאָך האָט ער צום שווער געזאָגט, איך קען דאָך פון אייך גאָר נישט פאָדערן, וואָרום אַלע מיינע מלבושים געהערט דאָך אייך, נאָר דאָס וועל איך אייך בעטען, אַזוי ווי איך בין שוין נאָך דער חתונה און איך מוז שוין דאַווענען אין אַ טלית, דעריבער בעט איך אייך איהר זאָלט מיר געבען דעם טלית אַלס אַ מתנה, וואָרום איך האָב נישט קיין שום געלד מיר צוקויפען אַ טלית דער מחותן האָט איהם דעם טלית אַ וועקגעשענקט, דער לובלינער האָט זיך צוזאַמענגענומען אַלע זיינע קלייניגקייטען און דעם טלית און תפילין און זיך געלאָזט און וועג אַריין ביז ער איז געקומען צו זיין רבי׳ן הרב הקדוש ר׳ אלימלך פון ליזענסק, דעמאָלט איז געוועזען ווינטער, און וויל ער איז געוועזען איין אָרימאַן האָט ער געמוזט געהען צופוס, ווען עס איז שוין געוואָרען נאַכט איז ער געקומען אין אַ דאָרף אַריין, און האָט שוין נישט געקענט וויטער געהען מחמת עס איז געוועזען פינסטער, און איז אויך נישט געוועזען וואַרם אָנגעטוהן און דעריבער איז ער אַ ריינגעגאַנגען אין אַ יודישע קרעטשמע וואָס איז געוועזען אין דעם דאָרף, דער קרעטשמער מיט זיין ווייב זענען דאָרט נישט געוועזען, וויל זיי זענען אַוועקגעפאָהרען אין דער שטאָדט אַריין איבער אַ וויכטיג געשעפט, נור בלויז דעם קרעטשמער׳ס טאָכטער איז דאָרט געוועזען, דער לובלינער איז געוועזען זעהר אַשיינער מענש, און ווי ער איז נור אַריינגעקומען אין דער קרעטשמע און זי האָט איהם

דערזעהן

דערזעהען, האָט זיך בּיי איהר ערוועקט די תאוה צו איהם, און זי האָט איהם צום ערשט איינגעהייצט דעם אויוועןכדי ער זאָל זיך אַבּיסעל דער=וואַרמען און אויך איהם עפּיס צו עסען געגעבען, ער זאָל זיך דאָס האַרץ דערחאַפּען, און ער האָט זי גערעכענט פאַר איין אשה כשרה איין אָרענטליך ווייבּעל וואָס זי איז אַזוי גוט צו איהם, און איז אַ מכנסת אורחים, ווען ער האָט שוין געהאַט אָבּגעגעסען, האָט זי געוואוסט, אַז בּאַלד וועלען איהר פאָטער און מיטער אַהיים קומען, דעריבּער האָט זי איהם אָנגעהויבּען פאָדערען=ער זאָל טוהן איהר בּעגע=הר און ערפילען איהר תאוה און דאָס זאָל תיכף געשעהען, און מחמת זי האָט זיך געפיהלט אַלס אַ שטאַרקע, האָט זי איהם געזאָגט אַז אויבּ ער וועט דאָס נישט מיט זיין גוטען ווילען טוהן, וועט זי איהם נייטען מיט איהר כח, ווי דער לובּלינער האָט געזעהען, אַז ער איז אין אַ סכנה און אַלע זיינע תירוצים העלפען איהם גאָר=נישט, האָט ער זיך מישב געווען און האָט איהר געזאָגט אַז ער איז מסכים צו טוהן וואָס זי פערלאַנגט פון איהם, נור יעצט דאַרף ער צי מאַכען זיין געבּרויך און תיכף ווי ער וועט נור צוריקומען וועט ער טוהן איהר ווילען, זי האָט אָבּער איהם נישט געגלויבּט, און געזאָגט איך האָבּ מורא, אַז דו וועסט פון מיר ענטלויפען, האָט ער איהר געענטפערט, איך וועל דאָ איבּער לאָזען מיינע שיך אויף אַ משכון, אַז איך וועל בּאַלד צוריקומען וואָרום אין אַזאַ קעלט וועל איך דאָך נישט געהען אין די בּלויזע זאָקען. ווי ער איז נור אַרויס=געגאַנגען פון דער שטיבּ האָט ער גאָר=נישט געקוקט אויף די גרויסע קעלט און ער איז אַנטלאָפען דורכען טהויער מיט די בּלויזע זאָקען, און די שיך מיט זיינע זאַכען און טלית און תפילין האָט ער בּיי איהר איבּערגעלאָזט, אויפען וועג איז איהם זעהר קאַלט געווען בּיז סכנות נפשות און פון הימעל האָט מען זיך אויף איהם דערבּאַרימט ווייל ער האָט זיך מוסר נפש געווען אויף דער זאַך און איז בּייגעשטאַנען אַזאַ נסיון, מען האָט איהם דאַרום צוגעשיקט אַ פיהר מיט סוחרים וואָס זענען אויך געפאָהרען דעם איינעם וועג, ווי די סוחרים האָבּען איהם דער=זעהען ווי ער געהט אָהן שיך און אויך נישט אין קיין רעכט מלבּוש, האָבּען זיך דערויף זעהר געוואונדערט, וואָרום עס איז געווען אין דרויסען אַגרויסע קעלט און ער געהט אַזוי לייכט אָנגעטוהן און דערום האָבּען זיי איהם אַרויפ=גענומען אויף זייער וואָגען און האָבּען איהם וואַרם אָנגעטוהן בּיז עס איז איהם אַבּיסעל וואַרימער געוואָרען, זיי האָבּען איהם געפרעגט וועגען זייער גרויס בּעוואונדערונג וועגען זיין געהען אַליין בּיינאַכט און אין אַזוינע לייכטע מלבּושים נור ער האָט זיי פינגאַרנישט דערצעהלט וואָס עס האָט זיך מיט איהם פאַסירט, נור ער האָט זיי געזאָגט דאָס ער געהט צום רבּי'ן רבּי **אלימלך** פון **ליזענסק**.

ווי דעם אַרענדאַר'ס טאָכטער האָט געזעהן, אַז זי האָט נישט געקענט אויספיהרען דאָס איהריגע, און זי האָט נישט געקענט נאכגעבען

נאָכגעגעבען איהר תאוה וואָרום דער לובלינער איז אַנטלאָפען פון איהר און אַזוי ווי איהר פאָטער און מוטער וועלען באַלד קומען צו=פאָהרען און וועלען זעהן פרעמדע זאַכען און אויך פרעמדע שיך וועלען זיי זיך דאָך פרעגען וועגען דעם, און דעריבער איז איהר געקומען אין דער דעה, אַז זי זאָל זאָגען זיי פונקט פערקעהרט, ווי די זאַך האָט באמת פאַסירט, עס איז טאַקע אַזוי געווען, דערפאָטער און מוטער זענען געקומען צופאָהרען, און ווי זיי זענען גור און דער שטוב אַרײַנגעקומען האָבען זיי דערזעהען עפּיס פרעמדע זאַכען ליגען אויף דער פאָדלאָגע און אויך עפּיס מענערשע שיך, און געפיהלט אַז אין דער שטוב איז זעהר וואַרם, דער פאָטער האָט זי געפרעגט, ווער איז דאָס היינט דאָ געווען, און זי האָט איהם דערצעהלט מיט אַ פרעטענזיע און זיך בעקלאָגט פאַר'ן פאָטער, אַז עפּיס אַ יוד אַ יונגער=מאַן איז געקומען אין דער שטוב צו זיי, און עס איז איהם זעהר קאַלט געווען און איז זעהר הונגעריג=געווען, און איך האָב מיך אויף איהם דערבאַרימט און וואַרים געמאַכט פאַר זײַנעטוועגען און איהם געגעבען צו עסען. דערנאָך ווען ער האָט שוין אָנגעגעסען און זיך אָנגעוואַרעמט, האָט ער אָנגעהויבען מיך צו פאָדערען איך זאָל טוהן זײַן פערלאַנג און ער האָט מיך געוואָלט מיט געוואַלט מאנס זײַן! איך האָב אָבער נישט געוואָלט איהם צוליעב טוהן און אָנגעהויבען צו מאַכען אַ געוואַלד, האָט ער שטאַרק מורא געקריגען טאָמער קומט עמיצער פון דרויסען דעריבער איז ער אַנטלאָפען און פאַר גרויס איילעניש האָט ער אפילו אָן די שיך פערגעסען, ווי דער אַרענדאַר האָט אַלעס אויסגעהערט וואָס זײַן טאָכטער האָט איהם דערצעהלט האָט ער איהר אַלעס געגלויבט און איז זעהר בייז געוואָרען אויף דעם לובלינער, און געפרעגט דער טאָכטער זי זאָל איהם ווײַזען אויף וועלכען וועג ער איז אַנטלאָפען און זי האָט איהם געוויזען, און ער האָט באַלד גענומען איינ'ם פון זײַנע בעסטע פערד און איז נאָכגעריטען אויף דעם זעלבען וועג איהם צוטרעפען ער איז צוגעקומען צו דעם וואָגען ווי דער לובלינער איז געזעסען צווישען די סוחרים און ער האָט געפרעגט די סוחרים צי זיי האָבען נישט אין וועג געזעהען איינעם וואָס געהט אָהן שיך האָבען זיי איהם געענטפערט; יאָ, מיר האָבען איהם געזעהען און ער זיצט דאָך צווישען אונז האָט דער אַרענדאַר אָנגעהויבען צו שרייען מיט אַ שטאַרק קול לאָזט מיך נור צו איהם איך וועל איהם דערפאַר שטאַרק בעשטראָפען און ער האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה וואָס זײַן טאָכטער האָט איהם דערצעהלט, זיי האָבען איהם אַלעס געגלויבט, און ער האָט איהם שטאַרק געשלאָגען אָן דערבאַרימקייט, ביז די סוחרים האָבען אויף איהם רחמנות געקריגען און האָבען איהם אַרויסגעריסען פון זײַנע הענד און האָבען צוריק אַרײַנגענומען צווישען זיך אין וואָגען און זענען ווייטער געפאָהרען, דער אַרענדאַר איז זיך אַהיים געפאָהרען. דעם גאַנצען וועג ביז ליזענסק האָבען איהם די סוחרים געזידעלט און געשעג'דעט מיט'ן

מיט'ן נאָמען „נואף" דער לובלינער ז"ל האָט אַלץ געשוויגען און האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט זיך געריכט צו מאַכען און האָט געדולדיג אָנגעליטען די אַלע בזיונות און זידלעריען, ווי די פיהר איז אָנגעקומען קיין ליזענסק און דער ר' אלימלך האָט דאָס אַלעס געזעהען מיט רוח הקודש און ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, קומט לאָמיר אַנטקעגען געהן יוסף הצדיק וואָס פאָהרט דאָ אַהער, דער הרה"ק מיט זיינע תלמידים זענען איהם אַנטקעגען געגאַנגען ביז זיי זענען אָנגעקומען צו דער פוהר ווי דער לובלינער איז געזעסען דער לובלינער ז"ל איז גלייך אַראָב געגאַנגען פון דער פיהר און מיט דעם רבי ר' אלימלך אַהיים געגאַנגען די סוחרים האָבען זיך פון דעם שטאַרק געוואונדערט און זענען זיך אַהיים געפאָהרען, דער לובלינער איז ביים רבי'ן אלימלך אָבגעווען אַלאַנגע צייט, דערנאָך איז ער אַליין אַ רב געוואָרען.

די מרשעת, דעם אַרענדאַר'ס טאָכטער, איז דערוויל זעהר קראַנק געוואָרען, און איהר פאָטער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי פיעל דאָקטוירים און אויסגעניצט פיעל רעצעפטען נור עס האָט גאָר נישט געהאָלפען, אין אַצייט=אַרום האָט ער געוואָהר געוואָרען, אַז דער רבי ר' אלימלך איז אַגרויסער בעל מופת, און די אַלע וואָס קומען צו איהם מיט פער=שידענע בקשות ווערען תיכף געהאָלפען, מחמת דעם איז ער אויך געפאָהרען צום רבי'ן רבי אלימלך ז"ל און האָט איהם געגעבען אַ קוויטעל מיט אַ פדיון פאַר זיין קראַנקע טאָכטער, דער הרה"ק ר' אלימלך האָט איהם געענטפערט, אַז ער קען איהם גאָר נישט העלפען נור ער האָט איהם געהייסען געהן אין בית המדרש אַריין ווי עס זיצט דאָרט אַיונגער מאַן און לערנט ער וועט איהם קענען און אַלעם העלפען אויב ער וועט נור וועלען, דער אַרענדאַר איז גלייך געגאַנגען אין בית המדרש אַריין און דאָרט געטראָפען דעם יונגען מאַן און איז צוגעקומען צו איהם, און אַז ער האָט נור אויף איהם אַביסעל געקוקט, האָט ער איהם באַלד דערקענט, אַז ער איז דאָס דער זעלבער וואָס ער האָט איהם אַזוי שרעקליך געשלאָגען איז ער שטאַרק דערשראָקען געוואָרען ער האָט יעצט הערשט פערשטאַנען, אַז זיין טאָכטער האָט איהם לינענד געזאָגט און אַרויסגעלאָזט גלאַט אַשם אויף אַ צדיק, אויך האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט וואָס ער האָט אומזיסט געשלאָגען אַזוי שרעקליך, און ווי אַזוי האָט ער נאָך די דרייסטקייט איהם צו בעטען וועגען זיין טאָכטער'ס קראַנקהייט נור אַזוי ווי זיין האַרץ האָט איהם וועה געטוהן אויף זיין טאָכטער'ס קראַנקהייט, איז ער צו איהם צוגעגאַנגען מיט גרויס געוויין און אונטערטעניגקייט און איהם געבעטען ער זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט בחנם געשלאָגען, און ער זאָל אויך איהם מוחל זיין, וואָס זיין טאָכטער האָט אויף איהם אַרויסגעלאָזט אַזאַ שם=רע און האָט איהם געבעטען צו אַזוי פיעל צער און ער זאָל זי בענשען, זי זאָל געזונד ווערען,

און

און אפשר וויל ער דערפֿאַר בעצאָהלט ווערט ער איהם בעצאָהלען וויפֿיעל ער וועט נור וועלען, דער לובלינער ז"ל האָט איהם אַזוי געענטפֿערט אויף דעם אופֿן וועט ער איהר מוחל זיין, אויב זי וועט פֿאַר אַלעמען דערצעהלען די מעשה אַזוי ווי עס איז פֿאָרגעקומען באמת און ריכטיג, דענסטמאָל וועל איך איהר מוחל זיין און זי וועט זיין געזינד און אויב זי וועט נישט וועלען דערצעהלען די אמת'ע מעשה פֿאַר אַלעמען מחמת זי וועט זיך שעהמען, בין איך איהר נישט מוחל און זי וועט נישט אויסגעהיילט ווערען פֿון איהר קרענק און איך וויל נישט דערפֿאַר קיין שום בעצאָהלונג, דער אַרענדאַר איז אַהיים געפֿאָהרען און זיין טאָכטער האָט געמוזט פֿאַר אַלעמען דערצעהלען די גאַנצע אמת'ע מעשה אַזוי ווי זי איז פֿאָרגעקומען אין באַלד דערנאָך איז זי געזינד געוואָרען. פֿון דער מעשה קאָן מען אַרויסזעהען די גרויסע היילינגקייט און פֿרומקייט פֿון הרה"ק ר' יעקב יצחק זצ"ל פֿון לובלין.

## ז.

## אַ וואונדערליכע מעשה. צו ווייזען ווי גרויס עס איז די מצוה פֿון פדיון שבוים.

פֿאַרצייטענס ווען פּוילען איז נאָך געוועזען פֿאַר זיך אַמלוכה, איז יעדער פּריץ אין זיין הויף געוועזען אַזוי ווי אַ מלך, וואָס ער האָט געוואָלט האָט ער געטוהן סיי צום גוטען און סיי צום שלעכטען איינעם צו בעשטראָפֿען און צו טויטען און קיינער האָט איהם נאָר נישט געקענט שטערען, האָט זיך איינמאָל פֿערלאָפֿען אַ מעשה אַז אין איין דאָרף האָט געוואוינט אַ יוד אין אַקרעטשמע און האָט נישט געקענט בעצאָהלען די ראַטהע וואָס איז געקומען דעם פּריץ, דער פּריץ האָט איהם געוואַרט עטליכע יאָהר און דער יוד=אַרענדאַר איז געוואָרען אַגרויסער בעל=חוב, מחמת ער האָט שוין עטליכע יאָהר נישט בעצאָהלט די ראַטעס דעם פּריץ ביז אין אַצייט אַרום האָבען די ראַטעס שוין בעטראָפֿען ביז פֿיער הונדערט רובל און האָט איהם נאָר נישט בעצאָהלט האָט דער פּריץ געהייסען אַז מען זאָל דעם אַרענדאַר מיט זיינע ווייב און קינדער אַריינזעצען אין תפיסה איז ער דאָרטען געזעסען אַקורצע צייט און זיך ערנעהרט מיט ברויט און וואַסער, דערנאָך האָט זיך דער פּריץ מישב געווען, וואָס וועט זיין דער סוף דערפֿון? וועט דען

דער

דער אַרענדאַר איהם אויף אַזאַ אַרט בעצאָהלען דעם חוב ! האָט ער געהייסען מען זאָל דעם אָרימען יוד מיט זיין ווייב און קינדער שמידען אין קייטען און זיי פיהרען אין אַגרויסע שטאָדט , מען זאָל זיי אַנידער שטעלען אין אַלע פיער עקען פון דער שטאָדט און מען זאָל פויקען אויף אַ פויק , כדי עס זאָל זיך צונויף קומען אַסך מענשען און פאַר זיי פאָרצולייענען דאָס פאַפיער וואָס דער פריץ האָט אַליין אָנגעשריבען און אָנגע׳חתמ׳עט , אין דעם פאַפיער איז אַזוי געווען געשריבען ; אויב קיינער פון די יודען וועט זיי נישט אויסלייזען פאַר דריי הונדערט רובעל , וועט מען דעם אַרענדאַר מיט זיין גאַנץ הויז־געזונד הרג׳נען , מען האָט אַזוי געטוהן ווי דער פריץ האָט געהייסען , מען האָט זיי געשמידט אין קייטען , און אַריינגעבראַכט אין דער גרויסער שטאָדט , מען האָט געפויקט מיט אַפויק און פאָרגעלייענט דאָס פאַפיער פון דעם פריץ , אויך די געפאַנגענע אַליין האָבען שטאַרק געוויינט און געבעטען זיך ביי די יודען פון דער שטאָדט ז.. זאָלען אויף זיי רחמנות האָבען זיי אויסלייזען פאַר די 300 רובעל , כדי דער פריץ זאָל זיי נישט הרגע׳ען , די יודען פון דער שטאָדט האָבען זעהר רחמנות געקריגען אויף זיי , נור עס איז צווישען זיי קיינער נישט געוועזען , וואָס זאָל פערמאָגען אַזאַ גרויסע סומע געלד מ׳זאָל זיי קענען אויסלייזען , די געפאַנגענע האָבען ווייטער געוויינט און געקלאָגט אויף זייער ביטערען גורל , אַז זיי וועלען געווים געטויטעט ווערען דורכ׳ען פריץ , נור קיינער האָט זיי נאָר נישט געקענט העלפען .

דאָרט איז געווען אַפראָסטער בחור , אַמשרת ביי איין בעל הבית וואָס ער האָט זיך אָנגעזאַמעלט איינציגווייס הונדערט און פופציג רוב׳ל , ווי דער משרת האָט געהערט פון דער צרה פון דעם אַרענדאַר מיט זיין ווייב און קינדער , אַז זיי האָבען נישט מעהר ציילעבען נור דעם איינעם טאָג , איז איהם זעהר אַרחמנות געווען אויף זיי , און האָט ביי זיך בעשלאָסען אַז אַלעס וואָס ער האָט נור אַוועקציגעבען אויף דער מצוה פון פדיון שבוים (אויסלייזען געפאַנגענע) , נור אַזוי ווי ער האָט געוואוסט אַז זיין געלד וועט דערצו נישט גענוג זיין , ווייל דער פריץ פערלאַנגט נישט אַנדערש ווי 300 רובעל , האָט ער זיך דערמאַנט אָן איינע אַ יתומה אַנ׳אָרימע , וואָס ער קען זיך מיט איהר און זי דיענט אויך ערגיץ ביי בעלי־בתים און זי האָט זיך אויך אָנגעזאַמעלט פון איהר שכירות (פערדיענסט) 150 רובעל דעריבער איז ער געגאַנגען צו די משרתת און האָט איהר שטאַרק אָן גיהאַלטען אַז זי זאָל אויך געבען איהרע 150 רובעל וואָס פעהלען צו און זיי ביידע וועלען מקיים זיין די מצוה , וואָרום קיין אַנדערע מצות האָבען זיי נישט וואָס מקיים צו זיין אין זייער גאַנץ לעבען , די יתומה איז באַלד בעשטאַנען דערויף זיי האָבען דעם פריץ געגעבען די 300 רובל און מען האָט דעם אַרענדאַר מיט זיין ווייב און קינדער באַלד פריי געלאָזט און זיי האָבען

מיט

מיט פֿרייד געדאַנקט השי״ת װאָס זײ זענען געװאָרען אױסגעלײזט, דער בחור, דער משרת האָט דערנאָך געזאָגט צו דער יתומה, מיר דאַרפֿען לױבען און דאַנקען גאָט ב״ה װאָס ער האָט אונז צוגעשיקט מקיים צו זײן אַזאַ טײַערע מצוה, נור אַזוי װי דורך מײַן עצה ביזט דו געבליבען אָהן אַפּרוטה דערום בין איך מחויב פֿאַר דײַנעטװעגען צו זיכען עפּיס אַ פּרנסה, אַזוי װי איך װעל זיכען פֿאַר מײַנעטװעגען, און מײַן עצה איז אַזוי, ניט װײַט פֿון דאַנען האָב איך אַרײַכען פֿעטער, מיר בײדע װעלען דאָרטען אַהין גײן. און דער פֿעטער װעט עפּיס אױס זעהען אַ פּרנסה פֿאַר אונזערטװעגען, כן הוה, עס איז טאַקע אַזוי געװען, בײדע זענען געגאַנגען צו־פֿוס אין דער שטאָדט אַרײַן װי דער פֿעטער האָט געװאױנט, אין פֿאַרנאַכט זענען זײ געקומען אין אַ קרעטשמע האָבען זײ דאָרטען גענעכטיגט.

די גרױסע מצוה װאָס די צװײ פּראָסטע לײַט האָבען געטוהן, האָט אין הימעל אָנגעמאַכט אַגרױסען רעש, דעריבער האָט מען תיכף געגעבען צו װיסען פֿון הימעל דעם בעש״ט ז״ל, אַז ער זאָל באַלד פֿאָהרען אין דעם דאָרף אַרײַן װאו זײ האַלטען זיך אױף אין דער קרעטשמע, און מיט זיך מיט נעהמען מלבושים פֿאַר דעם בחור און די בתולה און ער זאָל זײ חתונה מאַכען װי דער דין איז, דער בעש״ט ז״ל האָט אַלעס אַזוי געטוהן װאָס מען האָט איהם פֿון הימעל געהײסען און האָט מיט זיך מיטגענומען מלבושים פֿאַר דעם חתן און פֿאַר דער כלה, פֿאַר נאַכט איז ער אָנגעקומען צו דער קרעטשמע, דער קרעטשמער איז אַנטקעגען געגאַנגען דעם בעש״ט ז״ל און האָט זעהר געציטערט פֿאַר דעם בעש״ט, און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט; רבי נעכטיגט דאָ, די נאַכט, דער בעש״ט ז״ל האָט די נאַכט דאָרטען גענעכטיגט און ער האָט געהײסען דעם בעל הבית ער זאָל דאָ אָנגרײטען אַ חתונה־מאָלצײַט, מחמת ער האָט דאָ אַחתן און כלה װאָס די נאַכט װעט פֿאָרקומען זײער חתונה, דער קרעטשמער האָט געפֿאָלגט דעם בעש״ט ז״ל און האָט תיכף אָנגעגרײט אַחתונה־מאָלצײַט פֿאַר אַמנין מענשען.

װען דער משרת און די יתומה זענען געקומען אין דער קרעטשמע האָבען זײ זיך אַביסעל אַבגערוהט, אין אַזוי װי זײ זענען געװען געװאָהנט צו בעדינען זײערע בעלי־בתים האָבען זײ דאָ אין דער קרעטשמע, אױך עפּיס געװאָלט צו העלפֿען, כדי זײ זאָלען ניט עסען קײן אומזיסטע ברױט, אין עס איז טאַקע אַזוי געװען אַזוי װי דער בעל־הבית איז געװען פֿערנומען מיט דעם אָנגרײטען דעם מאָהלצײַט אױף דער חתונה װאָס דער בעש״ט האָט איהם געהײסען האָט דער בחור מיט די בתולה איהם צוגעהאָלפֿען מיט װאָס זײ האָבען נור געקענט. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער בעל־הבית געקומען צום בעש״ט און איהם געזאָגט רבי, עס איז שױן פֿאַרטיג די סעודה, דער בעש״ט האָט איהם געפֿרעגט צו ער האָט עפּיס פֿרעמדע מענשען אין דער שטוב, האָט דער

קרעטשמער איהם געענטפערט אז ער האט נאר נישט ביי זיך קיין פרעמדע מענשען נור עפּיס א בחור א משרת און א מעדעל אקעכין זענען היינט צו איהם געקומען, האט דער בעש"ט ז"ל זיי געהייסען ארײנרופען צי זיך אין חדר אין האט זיי געגעבען די מלבושים און זיי געהייסען אנטוהן די מלבושים אין זאלען דא אזוי זיצען ווארום באלד וועט זיין זייער חתונה, די חתן=כלה זענען דא אין קרעטשמע אנגעזעסען א שעה און צוויי ביז עס איז געקומען אין דער קרעטשמע אריין זיבען בכבוד'ע מענשען אין גרויס=ארטיגע קוטשען און בריטשקעס און מיט דעם בעש"ט ז"ל און חתן און קרעטשמער צוזאמען איז געווען אמנין (צעהן מענשען), דעם בעה"ב איז די זאך געווארען שטארק קשה פון וואנען האט זיך גענומען די אלע מענשען און ווער זענען זיי? און ווער זענען דאס די חתן=כלה וואס דער בעש"ט ז"ל איז זיך אזוי מטריח פאר זייערטוועגען? דער בעש"ט ז"ל האט מסדר קידושין געווען און נאך דער חופה האט זיך דער גאנצער עולם געזעצט צום טיש און געגעסען און געטרינקען, דער בעה"ב האט דאס אלעם צוגעזעהען און געשוויגען, נאך דעם עסען האט מען אנגעהויבען צו רופען דרשה=געשאנק, האט איינער פון די געסט געזאגט אז ער גיט דרשה=געשאנק דעם חתן=כלה דאס שטאל מיט די אקסען פון דעם פריץ פון דעם דארף, און דער צווייטער נאסט האט אויסגערופען אז ער גיט דרשה=געשאנק די שקאטעלקע מיט בריליאנטען און דימאנטען פון די פריצ'ע, און דער בעש"ט ז"ל האט געזאגט, אז ער גיט די חתן וכלה דרשה=געשאנק די קרעטשמע, דערנאך האבען אלע געבענשט און זענען זיך אלע צופאהרען אהיים און עס איז מעהר נישט דא איבער=געבליבען ווי דער בעש"ט מיט חתן=כלה, און חתן און כלה איז געווען אנרויס וואונדער אויף די אלע דרשה=געשאנקער, אז זיי האבען דערוויל דערפון נאר נישט? אבער די מעשה דערפון איז אזוי געווען דער פריץ פון דעם דארף האט געהאט איין איינציגען זוהן, וואס איז אלט געווען צעהן יאהר, און האט איהם זעהר ליעב געהאט פלוצלינג איז איהם דער זוהן פערלארען געווארען, און דאס איז געווען צוויי טעג איידער מען האט די חופה געשטעלט, דער פריץ איז פראסט משוגע געווארען און האט ארומגעשיקט שלוחים זוכען אין דעם גאנצען געגענד זיין זוהן אבער אומזיסט האט מען איהם געזוכט, און מען האט איהם נישט געקענט געפינען, צו מארגען'ס נאך דער חתונה האט זיך דער חתן מישב געווען און האט געזאגט צום קרעטשמער, איך וועל פון אייך עפּיס בעטען אזוי ווי איך האב דא אין דער נאהנטע שטאדט א פעטער גיט מיר אייער וואגען וועל איך פאהרען צו מיין פעטער בעטען איהם ער זאל מיר געבען עפּיס א בעשטעפּטונג איך זאל קענען מפרנס זיין מיך מיט מיין ווייב, דערנאך וועל איך באלד צוריק קומען, דער בעל=הבית האט איהם געגעבען זיין וואגען און דער חתן אליין איז אהין געפאהרען, און מיט'ען וועג האט ער געהערט ווי פון אונטער

אבריק

אַבריק שרייט עמיצער מיט אַ יאָמערליך קול ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קול צו זעהען פון וואַנען דאָס געוויין קומט ; האָט ער געזעהען, ווי דאָס קול קומט אַרויס פון אונטער דער בריק און דאָס קול איז פון אַיונג קינד איז ער אַראָפּ פון דער פיהר און האָט זיך אַרונטער־געבויגען אונטער דער בריק צו זעהען, ווער עס געפינט זיך דאָרט, און ער האָט געזעהען ווי פון דער בלאָטע וואָס איז אונטער דער בריק שטעקט אַרויס אַקאָפּ פון אַקינד און זשיפּיעט נאָך קוים ער האָט תיכף דאָס קינד מיט גרויס מיה אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, און דאָס יונגעל איז געוועזען דאָס איינעגע קינד וואָס דער פריץ האָט פערלוירען שוין דעם דריטען טאָג, דער חתן האָט זיך דער־באַרימט אויף דעם קינד און האָט איהם אָבגעוואַשט ריין געמאַכט און דערוואַרימט ביז ער האָט אַביסעל זיך דערמינטערט, און דאָס יונגעל האָט איהם אַזוי געזאָגט ; איך בין דעם גראַפ׳ס אַ זוהן און איך ווייס אַז מיין פאָטער זוכט מיך זעהר, פיהר מיך און מיין פאָטער׳ס הויף אַריין, ער האָט טאַקע אַזוי געטוהן ער איז געפאָהרען צום פריץ׳ס הויף אויף דעם וועג ווי דאָס יונגעל האָט איהם געוויזען, און ווען זיי זענען נור געקומען אין הויף אַריין, איז געוואָרען אַגרויסע שמחה און פרייד, דעם פריץ׳ס זוהן האָט געשריגען צום פאָטער ; טאַטע. טאַטע ! ווען ניכט דער יוד וואָלט איך שוין ניכט געלעבט, און דעריבער געב איהם אַגרויס געשענק, וואָס ער זאָל דאָס האָבען אַלס אַן אַנדענקונג אויף זיין גאַנץ לעבען, און דאָס איינעגע האָט ער געשריגען צו זיין מוטער די פריצ׳ע, ביז דער פריץ האָט איהם אַוועקגעשענקט אַלעם געשענק אויף איביג די קרעטשמע, און דאָס שטאַל מיט די אָקסען פאַר אַ מתנה, און די פריצ׳ע האָט איהם געגעבען אַלס געשענק איהר שקאַטולקע מיט ברילאַנטען און דימאַנטען און עס איז מקוים געוואָרען ביי זיי די ברכות מיט וואָס די הייליגע צדיקים האָבען זיי געבענשט, איבער דער מצוה פון פדיון שבוים וואָס זיי האָבען דעריבער מוסר נפש געוועזען און דאָס פאָר־פאָלק האָבען געלעבט גליקליך און גרויס עשירות זייער גאַנץ לעבען, די זיבען געסט זענען געוועזען די זיבען הייליגע אבות, זייערע זכות זאָל אונז ביי שטיין אמן .

# ח

## אַ גוט וואָרט פון לובלינער רבי׳ן זצ״ל .

דער הרה״ק הרי״י פון לובלין האָט איינמאָל געזאָגט צו איינעם

פון

פֿון זײַנע חסידים וואָס פֿלעגט צו איהם פֿאָהרען אויף דען ראש השנה, אַז ער זאָל צוריק אַהיים פֿאָהרען אויף ראש השנה און זאָל זיך מיט איהם געזעגענען, דער חסיד איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען פֿאַר וואָס דער רבי האָט איהם פּלוצלינג געהייסען אַהיים פֿאָהרען? נור דאָך, אַז דער רבי האָט געהייסען האָט ער געמוזט פֿאָלגען און איז נאָך אין די איינענע נאַכט אַהיים געפֿאָהרען אונטער וועגנ'ס האָט ער גענעכטיגט אין איין קרעטשמע, און דער איינענער קרעטשמע האָבען זיך אויפגעהאַלטען חסידים פֿון אַנדערע שטעדט וואָס זענען אויך געפֿאָהרען צום רבי פֿון לובלין אויף ראש השנה, דער חסיד האָט זיי דערצעהלט פֿון זײַן עגמת נפש וואָס דער רבי האָט איהם געהייסען צוריק אַהיים פֿאָהרען, די חסידים האָבען אין דער קרעטשמע גענעכטינט און זיי האָבען דאָרט געגעסען און געטרינקען „לחיים" אַזוי ווי עס געהער צו זײַן, אין דער פֿריה האָבען זיי איהם צוגערעדט, אַז ער זאָל מיט זיי מיטפֿאָהרען קיין לובלין, און זיי וועלען שוין פֿאַר איהם דאָרט גוט זאָגען פֿאַר דעם רבי'ן, כן הוה, אַזוי איז טאַקע געווען ער איז מיט זיי מיט געפֿאָהרען צום רבי'ן, און דער רבי האָט איהם גאָר נישט געזאָגט און האָט זיך אויף איהם גאָר נישט געבייזערט, פֿערקעהרט, מען האָט נאָך געזעהען אָן רבי'ן אַז ער איז צופֿריעדען פֿון דעם וואָס ער איז דאָ ראש השנה.

דעמאָלט האָט דער הרה"ק געזאָגט יעצט פֿערשטעה איך ערשט ווי ריכטיג עס איז דאָס וואָס שטעהט אין מדרש; „ווען יודען זיצען צוזאַמען און טרינקען „לחיים" איז זיי גאָט ב"ה מוחל אַלע זייערע זינד, מחמת איך האָב געזעהען אַז אויף דעם מענש איז נגזר געוואָרען דאָס יאָהר צו שטאַרבען איבער זײַנע זינד און איך האָב גאָרנישט געקענט קיין טובה טוהן, דעריבער האָב איך איהם געהייסען אַהיים פֿאָהרען, און יעצט זעה איך. אַז דורך דעם וואָס די גאַנצע חברה חסידים זענען צוזאַמען געווען און האָבען געטרינקען „לחיים" איז פֿון איהם אַראָב גענומען געוואָרען דעם דין און די גזרה איז בטל געוואָרען.

## ט.

# אַ מַעֲשֶׂה נִפְלָא פון הָרב הקדוש ר' מענדעל'י וויטעבסקער זצ"ל.

בײַ די ליובאַוויטשער חסידים, וואָס האָבען געלערנט, אין קלויז פֿון ר' מענדעלי ליובאוויטשער איז געווען אַ מנהג אַז בײַם לערנען בײַ נאַכט

## אַ מעשה נפלא פֿון הרה״ק ר׳ מענדעל׳ע וויטעבסקער זצ״ל

נאַכט איז בײַ יעדען חכ״ר געשטאַנען אַליבּט און ווען זײַ האָבען אויפֿגעהערט צו לערנען האָבּען זײַ אָנגהויבען זיך צו דערצעהלען מעשיות פֿון צדיקים און דעמאָלט האָבּען זײַ אויסגעלאָשען אַלע ליכט, און איבּערגעלאָזט בּרענען נור אַ צווײַ ליכט, איינמאָל האָט זיך געטראָפֿען אַז זײַ זענען אַזוי געזעסען בּײַ איין ליכט און זיך דערצעהלט מעשיות איז אין קלויז אַרײַנגעקומען הרב ר׳ מענדעל׳י זצ״ל, האָט ער זײַ געפֿרעגט פֿון וועמען רעדען זײַ יעצט, האָבּען זײַ איהם געענטפֿערט אַז זײַ רעדען יעצט פֿון הרב הקדוש ר׳ מענדעל׳י וויטעבסקער האָט זײַ דער הרב געזאָגט לכבוד דעם הרה״ק צינדט אָן אַלע ליכט אַזוי ווי בּײַם לערנען. און איך וועל אייך עפּיס פֿון איהם דערצעהלען, זײַ האָבּען אַזוי געטוהן ווי דער רבי האָט זײַ געהײַסען. און ער האָט זײַ אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַזוי.

בּײַם הרה״ק ר׳ מענדעל׳י וויטעבסקער איז געווען אַ שוחט, וועהר אַ פֿרומער און אַנ׳אָרענטליכער יוד און איז אויך געווען אַגוטער מוהל, איינמאָל איז צום הרב רבי מענדעל׳י געקומען איינער פֿון זײַנע חסידים מיט אַכּימע, אַזוי ווי עס איז איהם שוין געשטאָרבען צווײַ קינדער צוליעבּען מל זײַן און יעצט איז בּײַ איהם געבּוירען געוואָרען אַ דריט קינד און דאַרף עס מל זײַן בּעט ער דעם הרה״ק, אַז ער זאָל קומען אויף דעם בּרית מילה וואָס עס וועט אויסקומען אָן שבת, און זײַן זכות וועט בּײַשטעהען אַז דעם קינד וועט גאָר נישט שאַדען בּײַם מל זײַן, האָט איהם דער הרה״ק געענטפֿערט; ווען דער בּרית=מילה וואָלט געווען אין דער וואָכען וואָלט איך בּײַ דיר געווען, נור אַזוי ווי די סעודה קומט אויס אָן שבת קאָן איך נישט בּײַ דיר זײַן, ווײַל אויף דעם שבת וועלען צו מיר קומען בּכבוד׳ע חסידים און געסט דעריבּער קאָן איך נישט אַוועקפֿאָהרען פֿון דער הײַם נור איך וועל דיר מיט שיקען מײַן שוחט=מוהל און עס וועט אַזוי גיט זײַן ווי איך וואָלט אַליין געווען און דעם קינד וועט גאָר נישט קײַן שלעכט׳ס געשעהען, דער בּעל=בּרית איז אויף דעם בּעשטאַנען און דער הרה״ק האָט אַרײַנגערופען זײַן שוחט=מוהל און האָט איהם געהײַסען מיט פֿאָהרען אויף דעם שבת מיט׳ן בּעל=בּרית, דער שוחט האָט נישט געוואָלט אַוועקפֿאָהרען פֿון רבּי׳ן און האָט געזאָגט צום הרה״ק, ווי קען איך דאָס זײַן שבת נישט בּײַ אײַער טיש און הערען אײַער תורה, צײַט איך קאָן אײַך בּין איך נאָך נישט געוואָהנט געווען צו זײַן אָהן אײַך. נור דער הרה״ק האָט אויף איהם שטרענג גוזר געווען, ער זאָל מיטפֿאָהרען מיט איהם האָט ער געמוזט פֿאָלגען און איז מיט געפֿאָהרען, ער האָט זיך אָבּער אויסגערעדט מיט דעם בּעל בּרית, אַז תיכף ווי עס וועט נור ווערען פֿינסטער אין שבת צו נאַכט׳ס זאָל ער איהם אָנגרײַטען אַפֿיהר ער זאָל אַהײַם פֿאָהרען און זאָל האָטש אַם ווענינסטענ׳ס פֿון הרה״ק הערען הבדלה מאַכען, כן הוה עס איז טאַקע אַזוי געווען בּאַלד ווי עס איז

נור פינסטער געוואָרען איז דער שוחט אַהיים געפאָהרען פון בעל-ברית און דער וועג אַהיים איז געווען דורך אַ וואַלד, און ער האָט אָנגעהויבען בלאָנדזען אין וואַלד און האָט נישט געוואוסט חי איין ווי אויס, עס איז איהם זעהר קאַלט געוואָרען, מחמת דעמאָלט איז געווען ווינטער-צייט. פלוצלינג האָט ער פון דערווייטענ'ס דערזעהען אַ הייזעל אין וואַלד ווי עס לייכט זיך מיט פיעל ליכט און לאַמטער'ן, ער האָט זיך דאָרט אָבגעשטעלט מיט זיין פיהר, ער האָט אַריינגעשיקט דעם גוי'עשען פוהרמאַן אין דעם הייזעל צו זעהען אויב עס איז דאָרט פאַרהאַ'ן עפים יודען, דער פוהרמאַן איז אַריינגעקומען אין דעם הייזעל האָט ער דאָרט געזעהען ווי אַ סך יודען שטעהען אַרום און מיטע'ן זיצט איין אַלטער מאַן און דרשנ'ט, דער פוהרמאַן איז אַרויסגעגאַנגען און האָט דאָס אַלעס דערצעהלט דעם שוחט איז דער שוחט אַריינגעגאַנגען אינעווענינג, קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקיקט, ווייל זיי זענען געווען אַריינגעטוהן צו הערען דעם אַלטענ'ס תורה, דער שוחט האָט אויך אויסגעהערט די תורה פון אַלטען מאַן און עס האָט איהם זעהר געפאַלען, ווען דער אַלטער מאַן האָט שוין געענדיגט זיין-תורה, זאָגען האָבען אַלע ערשט דערזעהען דעם אורח (גאַסט) און האָבען איהם שלום געגעבען אויך דער אַלטער מאַן האָט איהם שלום געגעבען, און דער אַלטער האָט איהם געפרעגט צי ער קאָן לערנען האָט ער איהם געענטפערט אַז יאָ, האָט איהם ווייטער דער אַלטער געפרעגט פון וואַנען ער איז האָט ער געענטפערט, אַז ער איז אַ שוחט ביים הרה"ק ר' מענדעל'י וויטעבסקער זצ"ל און אַז דער רבי האָט איהם געהייסען פאָהרען אויף אַ ברית מילה און יעצט בלאָנדזשעט ער אין וואַלד, דער אַלטער מאַן האָט ווייטער אָנגעהויבען צו זאָגען תורה מיט טיעפע סודות און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער אַלטער איז גלייך צו זיין רבי הרב רבי מענדעל'י וויטעבסקער זצ"ל, דער אַלטער האָט ווייטער געזאָגט זעהר טיעפע תורות, ביז עס האָט זיך דעם שוחט געדוכטען, אַז דער אַלטער איז נאָך גרעסער ווי זיין רבי, און איז געקומען צו דער דעה, אַז ווי-באַלד ער וועט נור אַהיים קומען וועט ער זיין פון דעם אַלטענ'ס חסידים נישט פון זיין פריהערדיגען רבי ר' מענדעל'י וויטעבסקער ער האָט גענומען אַ אַדרעסא פון אַלטען צו וויסען דעם וועג צו איהם אַז דער שוחט איז אַהיים געקומען, איז ער תיכף געגאַנגען צו הרב ר' מענדעל'י וויטעבסקער זצ"ל נעמען פון איהם ערלויבעניש צו פאָהרען צום אַלטען מאַן, מחמת ער האָט גערעכענט, אַז זיין רבי וועט דערויף נישט מקפיד זיין (נישט בייז זיין) נור ווי ער האָט געוואָלט אַ ריינגעהען צום הרה"ק אין דער שטוב אַריין האָט ער געזעהען ווי די ליכט זענען שוין אויסגעלאָשען איז דער שוחט אַהיים געגאַנגען, אין דער פריה איז ער געקומען צום הרה"ק און געוואָלט צו איהם גלייך אַריינגעהען אַזוי ווי ער איז געוואָהנט געווען פון אייבינ אָן נור דער גבאי האָט איהם נישט אַריינגעלאָזט און איהם

נעזאגט

נעזאָגט אַז דער הרה"ק האָט איהם אָנגעזאָגט אַז ער זאָל איהם ניט אַריינלאָזען דער שוחט איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען און האָט פערשטאַנען, אַז דער הרה"ק ווייס געוויס פון אַלעם וואָס עס האָט זיך מיט איהם פּאַסירט אין וואַלד, און דער אַלטער מאַן איז אַ ודאי געוועזען פון די יענעדינע רחמנא ליצלן, ער האָט דערפון געהאַט פּיעל עגמת נפש וואָס דער הרה"ק לאָזט איהם ניט אַריין צו זיך, און דער שוחט האָט געשיקט עטליכע מאָל שליחים צום הרה"ק צו בעטען פאַר איהם, און דער הרה"ק האָט געענטפערט דעם שליח, אַז ער האָט שוין אויף דעם ניט קיין תיקון, נור ווען עס וועט זיך איהם נאָכאַמאָל טרעפען צו זיין אויף דעם זעלבען אָרט און ער וועט פאַר מיאוס'ען דאָס וואָס ער וועט הערען פון אַלטען און זיי זאָלען דאָס זעהען, דעמאָלט וועט ער ערשט האָבען אַ תיקון, אַזוי האָט זיך די זאַך אויפגעהאַלטען אַנאַנץ יאָהר, ביז דער איינער בעל-ברית איז נאָכאַמאָל געקומען צום הרה"ק און האָט צו איהם געזאָגט; אַזוי ווי פאַר אַ יאָהרען, האָט דער רבי צו מיר געשיקט דעם שוחט אין דאָס קינד איז מיט גאָט'ס הילף געזונד, דעריבער בעט איך דעם רבי'ן ער זאָל מיר היינט אויך מיט-שיקען אייער שוחט מל צו זיין מיין קינד, דער הרה"ק האָט גע-שיקט נאָך דעם שוחט ער זאָל פאָהרען אויף דעם ברית מילה, איז דער שוחט אַריינגעקומען צום רבי'ן ר' מענדעל'י, און האָט איהם געפרעגט. וואָס זאָל ער טוהן, אַז עס וועט זיך איהם ווייטער אַזאַ זאַך טרעפען אין וועג? האָט איהם דער הרה"ק געענטפערט! גאָט זאָל אייך העלפען און איך זאָג אייך צו אַז זיי וועלען אייך גאָר ניט קאָנען טוהן קיין שלעכטס נור שטאַרקט אייך און זייט מוטיג! עס איז טאַקע אַזוי געוועזען דער שוחט איז צוריק אַהיים געפאָהרען שבת צו נאַכט אויך דורך דעם זעלבען וואַלד און האָט דאָרט געבלאָנדזשעט און פון דערווייטע'נס האָט ער ווייטער דערזעהען ווי עס לייכט זיך עפּיס אין אַ הייזעל, און ווען ער איז דאָרט אַריינגעקומען האָבען זיך אַלע מיט איהם געפרייט, און דער אַלטער מאַן האָט געפרעגט דעם שוחט פאַרוואָס איז ער צו איהם ניט געקומען דאָס גאַנצע יאָהר אַזוי ווי ער האָט דאָס אויף זיך גענומען, האָט דער שוחט געגען איהם אָנגעהויבען צו רעדען שטרענגע ריי'ד און אַזוי געזאָגט! אונזער רבי ר' מענדעל'י איז דאָך זעהר אַ הייליגער צדיק אָבער איהר זענט פון די סטרא אחרא (די יענעדיגע) און פון די טומאה דער אַלטער האָט אויפגעפּעפענט דאָס מויל און געפרעגט ווער איז דאָס דער רבי מענדעל'י און וואָס איז ער דאָס? אָבער דער שוחט האָט זיך ניט אונטער-געגעבען אונטער איהם און אָנגעהויבען צו זידלען דעם אַלטען מיט אַלע מיני זידלערייען, די גאַנצע חאַל'אַסטרע פון דעם אַלטען האָבען אויף איהם אַרויפגעוואָרפען פייער'דיגע פונקען און איהם געוואָלט פערברענען נאָר דער אַלטער האָט זיי ניט געלאָזט, און האָט ווייטער אָנגעהויבען צו זאָגען טיעפע תורה מיט גרויס התלהבות און ברען, ער האָט

ניט מײַנט אַז אַזוי אָרום ווערט ער נעמען דעם שוחט ער זאָל זיך אונטער איהם אונטערגעבען, און ווען דער אַלטער האָט שוין געהאַט אויסגעלאָזט די תורה האָט ער געפרעגט דעם שוחט; נו, וואָס זאָגס׳ט די יעצט? און דער שוחט האָט איהם געענטפערט; ווען דאָס וואָלט געווען פֿון דער הײליגער זײַט וואָלט עס זעהר גוט געווען אָבער אין אמת׳ן זענט איהר דאָך פֿון די יענעדיגע, פֿון די טומאה די גאַנצע חבריא האָבען איהם ווײַטער געוואָלט שלעכטס טוהן נור דער אַלטער האָט זיי דערצו נישט דערלאָזט, און ער האָט גלײַך בעפֿוילען זײַנע מענשען זיי זאָלען ברענגען זײַן בוך דאָ אַהער צו זעהען, אַז אויב דאָרט איז פֿערהאַנדען תורה פֿון זײַן רבי ר׳ מענדעל׳י וויטעבסקער דעמאָלט מעגט איהר איהם טוהן, וואָס אײַער האַרץ גלוסט, און וואָס איהר ווילט, גאָהר אויב אין דעם ספר איז נישטאָ קײן שום זאַך פֿון ר׳ מענדעל׳י זײַן רבי טאָהרט איהר איהם גאָר נישט טוהן, תיכף האָט מען פֿאַר דעם אַלטען געבראַכט דאָס בוך און ער האָט נאָך געזוכט אין גאַנצען ספר עפּיס אַ תורה אָדער אַ מעשה פֿון ר׳ מענדעל׳י וויטעבסקער נור ער האָט דאָרט גאָרנישט געפֿינען דעמאָלט האָט איהם דער אַלטער ערלויבט אַ היים צו פֿאָהרען, ווען ער איז געקומען צום הרב ר׳ מענדעל׳י איז דער הרה״ק איהם אַקעגען געגאַנגען מיט פֿיעל ליעבשאַפֿט און האָט איהם שלום געגעבען און האָט צו איהם געזאָגט אַזוי: איהר דאַרפֿט וויסען, אַז איהר זענט בײַגעשטאַנען אַגרויסען נסיון, און אין זכות פֿון דעם נסיון זענט איהר ניצול געוואָרען, האָט איהם דער שוחט געפֿרעגט, פֿאַר וואָס שטעהט אין „זײערע" ספרים תורות פֿון אַנדערע צדיקים? האָט איהם הרה״ק געענטפֿערט; אמת טאַקע זיי זענען אויך צדיקים, אָבער ווען זיי זאָגען תורה האָבען זיי דעמאָלט אין זיך אַביסעל גאוה און האַלטען זיך גרויס, דעריבער האָבען די „יענעדיגע" אַ שליטה אין זייערע זאַכען, אָבער איך, אַז איך זאָג תורה האָב איך נישט קײן שום גאוה און האָב נישט קײן שום התפעלות (ווערען נתפעל) דעריבער האָבען „זיי" אין מיר נישט קײן שום שליטה אין אויך נישט אין מײַן תורה, אין דער הרה״ק ר׳ מענדעל׳י ליובאַוויטשער זצ״ל האָט געענדיגט זײַן מעשה מיט די ווערטער; ווי באַלד עס איז אַזוי גרויס געווען די קדושה פֿון הרב הקדוש ר׳ מענדעל׳י וויטעבסקער זצ״ל, אַז די סטרא אחרא (די יעניגע) האָט אויף איהם נישט קײן שליטה געהאַט דעריבער דאַרף מען אָנצונדען אַלע ליכט ווען מען רעדט פֿון אַזאַ צדיק ז״ל פּונקט אַזוי ווי מען וואָלט געווען געלערנט זײַן זכות זאָל אונז און אַלע יודען בײַשטעהען, אמן.

י.

# אַ זעהר וואונדערליכע מעשה פון הרב הגה״ק הר״ש קאמינקער זצ״ל.

איינמאָל אין ווינטער, אין גרויסע בלאָטעס און גרויסע רעגענעס איז ביים רב געווען אַגרויס דחקות (נויט) אין אָרימקייט, ווייל איבער דעם וועטער האָט קיינער צום רבי׳ן נישט געקענט קומען צו פאָהרען, דעמאָלט זענען צוויי רייכע מענשען געקומען צום רבי׳ן און האָבען זיך געמאָלדען ביים שמש, אַז זיי דאַרפען נויטיג אָנקומען צום רבי׳ן מיט אַ קוויטעל און וועלען געבען דעם רבי׳ן אַגרויסען פדיון, דעם שמש האָט פון דער זאַך אַ הנאה געטוהן, מחמת ער האָט געוואוסט די גרויסע דחקות אין רבינ׳ס שטוב, דער שמש איז אַריינגעגאַנגען אין רבינ׳ס חדר און האָט איהם דערצעהלט אַז עס זענען דאָ אָנגעקומען סוחרים און ווילען אַריינגעהען צום רבי׳ן דער רבי האָט מסכים געווען זיי זאָלען אַריינקומען און די סוחרים זענען אָנגענומען געוואָרען ביים רבי׳ן אין יעדערער האָט פאָרגעלעגט זיין פערלאַנג פאַר׳ן רבי׳ן, דער ערשטער האָט פערלאַנגט אַז אַזוי ווי ער איז אַ סוחר פון אָקסען, און פאָהרט יעצט אויף אַ יריד וויל ער אַז דער רבי זאָל איהם בענשען אַז ער זאָל בעגליקען דעם וועג, און דער צווייטער האָט פערלאַנגט, אַז דער רבי זאָל איהם בענשען אין זיין האַנדעל. ער זאָל בעגליקען, און יעדערער האָט פאַר דעם רבי׳ן אַנידער געלייגט אַ קוויטעל מיט אַ שיינעם פדיון, ווען זיי האָבען שוין געהאַט געענדיגט זייערע פערלאַנגען און בקשות, האָט דער רבי צו זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלען איהם נאָך אַמאָל דערצעהלען וואָס זיי פערלאַנגען, איז די זאַך געווען אַ ביסעל וואונדער אין זייערע אויגען וואָרום עס איז דאָך שוין גענוג, אַז זיי האָבען איינמאָל דערצעהלט, פונדעסטוועגען האָבען זיי נאָך אַמאָל דערצעהלט זייערע פערלאַנגען ווי פריהער, ווי זיי האָבען שוין געהאַט געענדיגט זייערע בקשות צום צווייטען מאָל, האָט צו זיי דער רבי געזאָגט: נעמט אייך צוריק אייערע געלדער און געהט אייך, איך וויל נישט אייך און נישט אייערע געלדער, זיי זענען זעהר פערשעמט געוואָרען און האָבען שטאַרק אָנגעהאַלטען און רבי׳ן ער זאָל נעהמען דאָס געלד, וואָרום פאַר וואָס זאָלען זיי זיין ערגער ווי אַלע אַנדערע מענשען וואָס קומען פאַר דעם רבי׳ן, דער רבי האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט נעהמען דאָס געלד און האָט אויף זיי אָנגעשריגען, אַז זיי זאָלען אַהיים פאָהרען זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און זענען אַהיים געפאָהרען, דער שמש האָט געהאַט אַפּרעטענזיע צום רבי׳ן וועגען דער זאַך, פאַרוואָס ער האָט די סוחרים אומזיסט פערשעמט און זיי זענען דאָך גאָר נישט שולדיג און בפרט אַז דעם רבינ׳ס הויז איז

יעצט אין אזא דחקות, פאר וואס זאל ער אזא זאך טוהן ! האט דער רבי דעם שמש דערויף נעענטפערט מיט א מעשה .

דער רמב"ן זצ"ל איז נעווען אגרויסער מאן ביים מלכות, און ער איז נעווען פון דעם מלך'ס יועצים (ראטגעבער), ווארום אחוץ ער איז נעווען א חכם אין דער תורה האט ער נאך געקענט פיעל אנדערע חכמות און שפראך און וויסענשאפטען, די גוי'עשע יועצים האבען אויף איהם נעהאט קנאה צוליעב זיין גרויסקייט אין זיי האבען אנגעהויבען צו זוכען עפיס אבלבול אויף איהם אויסצוטראכטען אבער זיי האבען נישט געקענט אין איהם געפינען קיין שום שלעכט'ס און קיין פעהלער איינמאל האט זיך נעטראפען, אז עס איז נעקומען צו פאהרען א גלח אין קייזער'ס הויף אריין זעהר אגרויסער חכם אין אלע חכמות, און אויך געקענט פיעל שפראך און וויסענשאפט און אויך אין יודישע וויסענשאפט און אין דער תורה איז ער געווען (קלאהר) ער איז נעווען זעהר חשוב ביים מלך און ביי די שרים די האבען נעהאלטען איין עצה מיט דעם גלח ער זאל עפיס אויסטראכטען א בלבול אויף דעם רבי מחמת ער איז א פרעמדער וועלען זיינע ווערטער מעהר חשוב זיין ביי דעם מלך דער גלח האט זיי דאס צוגעזאגט און ווען ער איז נעקומען פאר'ן מלך האט ער איהם אנגעהויבען צו דערצעהלען פערשידענע ערצעהלונגען ביז עס איז איהם אויסגעקומען אויך צו רעדין וועגען יודען און ער האט דעם קייזער דערצעהלט וועגען דעם ש"ס בבלי וואס יודען האבען אין אויך דאס ער האט דארט געפינען זעהר פיעל קאמישע זאכען און האט פון אויסעגוועגיג פאר'ן מלך געזאגט דאס לשון פון דער גמרא און דאס אויסגעטייטשט אויפען פראסטען פשט, און שטארק אויסגעלאכט די גמרא הקדושה, אזוי איז נעווען אויך אין צווייטען טאג און דריטען אין פיערטען טאג, ער האט גערעדט מיט'ן מלך וועגען פערשידענע זאכען ביז ער איז ארויס=נעקומען צו רעדען וועגען יודען און ער האט זיך עקסטרע אויסגע=קליבען פון ש"ס מאדנע וואונדערליכע אגדתות און האט דאס איבער=זעצט דעם מלך אויף זיין שפראך און האט פון זיי שטארק אויסגעלאכט און זיין מיינונג איז נעווען צו חאפען מיט עפיס דעם רמב"ן זצ"ל אבער דער מלך האט נישט פערשטאנען וואס ער איז אויסען מיט זיינע אגדתות פון ש"ס בבלי, און דער גלח האט אזוי פיעל מאל דערצעהלט וועגען די יודען און זייער לערנען דאס ש"ס בבלי און די אגדתות וואס דארט געפינט זיך ביז עס איז שוין פער'מיאוסט נעווארען און די אויגען פון מלך און די שרים דער תלמוד בבלי און אלע האבען זיך ארויסגעזאגט, אז מען זאל גוזר זיין אויף די יודען פון דעם גאנצען לאנד, אז זיי זאלען שוין מעהר נישט לערנען ש"ס בבלי, כדי זיי זאלען נישט ווערען פער'טיפשט פון איהם דער מלך האט נישט פערשטאנען אז אלע זיינע שרים זענען נור מיט דער גזרה אויסען שלעכט'ס צו טוהן דעם רמב"ן זצ"ל, און דעריבער האט דער מלך אויך מסכים

 נעווען

געווען צו דער גזרה. און עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַנגעזעץ, אַז ווער עס וועט לערנען תלמוד בבלי דעם קומט מיתה (טויט שטראָף).

דער רמב״ן זצ״ל האָט פונדעסטוועגען נישט געקוקט אויף דער גזרה און האָט געלערענט תלמוד בעהאַלטערנערהייט בחדרי חדרים נור די רשעים, וואָס האָבען איהם געוואָלט שלעכט׳ס טוהן האָבען אַזוי לאַנג נאָך שפיאָנירט און געזוכט ביז זיי האָבען געפינען איהם לערנען ש״ס בבלי. אין זיין חדר פערבאָרגענערהייט און עדות האָבען וועגען דעם עדות געזאָגט פאַר׳ן מלך, האָט מען איהם געבראַכט פאַר׳ן מלך צוזאַמען מיט דער גמרא און איהם צו משפט׳ן מיט טויט-שטראָף, ווי דער מלך האָט דאָס דערזעהען איז ער זעהר דערשראָקען געוואָרען און האָט ערשט יעצט פערשטאַנען, אַז די גאַנצע גזרה איז נור אַרויסגעגעבען געוואָרען כדי דערמיט דעם רמב״ן ז״ל שלעכט׳ס צו טוהן, עס האָט איהם אָבער אויך אַביסעל פערדראָסען אויף דעם רמב״ן ז״ל וואָס ער האָט עובר געווען אויף דער גזרה, און ער האָט געפרעגט דעם רמב״ן ז״ל; זאָג מיר פאַר וואָס האָסט דו עובר געווען אויף מיין גזרה און אייער תורה שטעהט, ושמרתם לנפשותיכם, (עטץ זאָלט זיך אייער נפש היטען), היינט ווי האָסט דו זיך געקענט אַריינברענגען אין אַזאַ געפאַהר האָט איהם דער רמב״ן ז״ל געענטפערט; אמת מאַקי, אַז איך ווייס דער גזרת המלכות, אָבער די גזרה איז דאָך נישט מעהר ווי אַ ספק, נישט אויף געוויס, וואָרום טאָמער וועט קיינער דערפון נישט געוואָהר ווערען, אָבער דאָס אָבשיידען זיך פון דער תורה איז ביי מיר שוין אַגעוויסהייט וואָרום דער וואָס שיידט זיך אָב פון דער תורה איז אַזוי גוט ווי ער וואָלט זיך געווען אָבגעשיידט פון לעבען, און דער „געוויס״ איז שטאַרקער פון „טאָמער״ איך ווייס טאַקע אַז דאָס איז נאָך נישט קיין תירוץ אין קיין פערענטפערונג פאַר׳ן מלך נור איך פרעג דעם מלך וועגען דער עיקר גזרה, פאַר וואָס האָט דער מלך גוזר געווען אַז מען זאָל נישט טאָהרען לערנען גמרא? און סאַרע מיאוסע זאַכען האָט דאָס דער מלך דאָרט געפינען? האָט איהם דער מלך געענטפערט; דער גלח וועט דיר שוין זאָגען אַ טעם אויף דער גזרה, דער מלך האָט גלייך בעפוילען דעם גלח ער זאָל האַלטען אַ ויכוח (דיסקוסיע) מיט דעם רמב״ן זצ״ל, אַלע מניסטורים האָבען זיך פערזאַמעלט אין קייזערליכען פאַלאַץ אין דער וויכוח האָט זיך אָן געהויבען דער גלח האָט געזאָגט אַבלאַט גמרא פון אויסענווענינג און האָט דאָס איבערזעצט אויף דער שפראַך פון מלך און די שרים און האָט געלאַכט און געשפעט איבער די מאָדנע זאַכען וואָס האָבען זיך דאָרט געפינען. דער רמב״ן האָט איהם געהייסען ער זאָל נאָך אַמאָל זאָגען דאָס בלאַט גמרא פון אויסענווענינג און דער גלח האָט אַזוי געטוהן ער האָט נאָך אַמאָל דאָס בלאַט גמרא געזאָגט פון אויסענווענינג, און ווען ער האָט דאָס שוין געהאַט געענדיגט, האָט דער רמב״ן אָנגעהויבען צו רעדען פאַר׳ן מלך און די שרים מיט די ווערטער; מיר יודען זענען בעשוואָרען

אַז מיר זאָלען נישט אויסזאָגען די סודות וואָס ליגען בעהאַלטען אין
דער גמרא, וואָס מען קאָן לויט דעם פראָסטען פשט נישט פערשטעהען
נור כדי איהר זאָלט נישט זאָגען, אַז עס איז נישט אמת, וואָס איך זאָג
נור איך וויל נור געפינען עפּיס איין אויסרייד מיך גערעכט צו מאַכען,
וועל איך אייך אויסזאָגען איין סוד וואָס איך האָב זיך דערוואוסט דורך
דעם וואָס דער גלח האָט דאָס בלאַט גמרא געזאָגט פון אויסענווענינג
איהר זאָלט וויסען אַז דער גלח איז די נאַכט געשלאָפען מיט אַשווינד=
זיכטיגע, און דאָס זאָגען אַלע דאָקטוירים, אַז ווער עס טהוט אַזאַ זאַך,
דער מאַכט געפעהרליך די אַלע מענשען, צווישען וועלכע ער זיצט,
בלויז מיט דעם אָטעם פון זיין מויל, נור פריהער, ביים ערשטען מאָל
האָב איך גערעכענט, אַז איך בין מיך טועה אין דעם, דעריבער האָב
איך איהם געהייסען ער זאָל נאָך אַמאָל זאָגען דאָס בלאַט גמרא, און
דאָס צווייטע מאָל האָב איך זיך שוין דערוואוסט אויף זיכער אַז עס
איז טאַקע אַזוי, ער איז געשלאָפען די נאַכט מיט אַ סובאָטניצע, היינט
פרעג איך איז דאָס גלייך אַזוי? אַ מענש וואָס פיהלט אַז ער האָט אַזאַ
מין חולאת, אַזאַ זאַראושליווע קרענק, וואָס בלויז מיט דער פאַרע פון
זיין מויל קען ער אַוועק הרגע'נען פיעל מענשען איז דאָס גלייך אַזוי
אַז ער זאָל קומען אין קייזער'ס הויז און זאָל זיך זעצען מיט אַלע
שרים צוגלייך און מאַכען געפעהרליך אַזוינע טייערע און עדעלע מענשען?
אַזאַ מענש איז געווים דעם טויט ווערט, און אויב עטיך ווילט מיר די
זאַך נישט גלייבען וועל איך אייך זאָגען אַסימן (אַצייכען) דער וואָס האָט
די קרענק געפינט זיך אַ שרץ אין זיין מוח, און יעצט וועט איהר מיר שוין
גלייבען אַז אין די אגדתות איז דאָ פיעל סודות, וואָס מען קאָן זיי נישט
פערשטיין פראָסט פשוט, אַבעוויי\ז האָט איהר אַז איך האָב איך אַסוד ענפּ\ עקט
דורך דעם וואָס דער גלח האָט געזאָגט די וואונדערליכע אגדתות, ווי דער
מלך מיט די שרים האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי זיך זעהר דערשראָ=
קען, און צוריק=געשפרינגען הינטער זיך, און דער מלך האָט תיכף
געהייסען רעווידירען דעם גלח, דער קייזערליכער דאָקטאָר האָט איהם
רעווידירט און ער איז טאַקע געווען קראַנק אויף די זעלבע קרענק וואָס
דער רמב"ן ז"ל האָט געזאָגט און די גזרה איז באַלד בטל געוואָרען.
און דעם גלח האָט מען ג'משפט אַזוי ווי ער האָט זיך פערדיענט, ביז
אַהער איז די מעשה פון רמב"ן ז"ל, און דער הרה"ק ר"ש קאַמינקער
ז"ל האָט אויסגעלאָזט מיט די ווערטער; די צוויי מענשען וואָס יעדע=
רער פון זיי האָט דערצעהלט פון זייער מסחר, האָב איך פון זייער
ערצעהלונג פערשטאַנען, אַז עס איז נישט אמת אַזוי ווי זיי דערצעהלען,
נור איינער וויל זיך מתחבר זיין מיט רייבער און גזלנים כדי צו
בערויבען און הרגע'נען מענשען און דער צווייטער וויל אויך פעלשען
און שלעכט'ס טוהן אַנדערע מענשען, און ווען זיי האָבען מיר דאָס
ערשטע מאָל פאָרגעלעגט זייער בקשה האָב איך נעמיינט, אַז איך האָב

אַ טעות דעריבער האָב איך זיי געהייסען דערצעהלען נאָך אַמאָל בײם צווייטען מאָל האָב איך זיך שוין אויף געווים געזעהען, אַז יעדערער בעזונדער רעכענט נור צו בעגזל'ן און צו בעפעלשען מענשען. דעריבער וויל איך זיי נישט קאָנען מיט זייער געלד, ווארום ווי קאָן איך דאָס בענשען אַזעלכע שלעכטע רשעים, אַז זיי זאָלען בעגליקען אין זייערע געשעפטען, זיין זכות זאָל אויף אונז אַלעמען מגין זיין, אמן.

יא.

# אַ שרעקליכע מעשה פון הרב הקדוש ר' מאטיל'ע טשערנאבלער זצ"ל.

די מעשה האָט דערצעהלט דער משולח ה"ר ר' אליהו ז"ל פון טשערנאבעל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון אַבעגלייבטען מענש.

דער הרה"ק ר' מאטיל'י טשערנאבלער זצ"ל האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דער שטאָדט ביי איינעם אַ כבוד'ען בעל=הבית דער בעל=הבית האָט געוואָלט וויסען וואָס דער הרה"ק טהוט ביי נאַכט אין זיין חדר, ווען אַלע מענשען געהען אַהיים און דער רב בלייבט אַליין איבער, אויב ער לעגט זיך שלאָפען ווי אַלע מענשען אָדער נישט, ער האָט זיך בעהאַלטען אין דער קליידער שאַנק פון זעלבען חדר אַז דער רב זאָל נאָר נישט וויסען, און פון דאָרט וועט ער זיך שוין גוט צוקוקען וואָס דער רב טהוט ביי נאַכט. דער בעה"ב האָט אין זיין בעהעלטעניש געהערט קולות און געוויינען פון נשמות פון יודען, וואָס בעטען זיך פאַר'ן רב ער זאָל זיי מתקן זיין זיי זאָלען קענען העכער קומען, דער בעה"ב איז זעהר דערשראָקען געוואָרען, און ער האָט געהערט וואָס דער רב ענטפערט יעדען בעזונדער צו איין נשמה האָט דער רב אַזוי געזאָגט; איך קען דיר נישט טוהן קיין שום טובה, ווייל דו האָסט מיר קיין מאָל נישט קיין געלד געגען אין ער האָט זי שוין געוואָלט אין גאַנצען אַוועקשטויסען פון זיך, נור די נשמה האָט אָנגעהויבען שרעקליך צו וויינען אז צו בעטען דעם הרב ער זאָל עפּיס טוהן פאַר איהר, ווארום צייט ער איז געשטאָרבען ביז יעצט האָט ער קיין מנוחה נישט, האָט דער רב איהר געענטפערט, איך האָב איין עצה פאַר דייגעטוועגען, מיט וואָס איך וועל דיר קענען טוהן עפּיס איין טובה; אויף דעם היגען גוטען אָרט ליגט בעגראָבען איין מענש, וואָס ער

האָט אין זײַן גאַנץ לעבען געגעבען גרויסע סומע'ס געלד, נעה צו איהם אונ בעט איהם ער זאָל דיר אָבלאָזען פון דעם גאַנצען געלד וואָס ער האָט מיר געגעבען חאָטש איין רובעל, און דער רובעל וועט ווערען גערעכענט אויף דײַן נאָמען. און אַזוי אַרום וועל איך דיר קענען אַטובה טוהן האָט דער מת צום רב געזאָגט, איך קאָן דאָך דעם מענש נישט און ווייס נישט ווי ער ליגט בעגראָבען, איהם צו געהען זוכען, האָט זיך דער הרה"ק תיכף אויפגעשטעלט פון דער שטוהל און איז צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, וואו דער. בעל=הבית האָט זיך בעהאַלטען און האָט אויפגעעפענט די טהיר פון דער שאַנק און האָט געזאָגט צום בעה"ב, נעה מיט דעם מת אויף דעם „גוטען אָרט" און ווײַז איהם דעם מענש'ס קבר, דו ווייסט דאָך מסתמא ווי יענער מענש ליגט בעגראָבען, דער בעל=הבית האָט זיך זעהר דערשראָקען און האָט אָנגעהויבען צו וויינען פאַר'ן רב ער זאָל איהם נישט שיקען אַזאַ שליחות, וואָרום ער האָט זעהר מורא צו געהען מיט דעם מת, נור דער רב האָט איהם געטרייסט אין געזאָגט צו איהם האָב נישט קיין מורא און קיין פחד, נעם מײַן שטעקען און געה אויף דעם „בית=עלמין" און ווײַז דעם מת יענעם מענש'ס קבר, דער בעה"ב האָט גע=מוזט דעם רב פאָלגען, און איז געגאַנגען ווײַזען דעם מת דאָס קבר עם האָט איהם גאָר נישט געשאַדט און האָט גאָר קיין מורא נישט גע=האַט, אַזוי גרוים איז דער הרה"ק געווען.

## יב.

## אַ וואונדערבאַרע מעשה פון הרה"ק דער רוזינער זצ"ל.

ווען דער הרה"ק דער רוזינער זצ"ל איז געווען אין דער שטאָדט סקאָלא אין עסטרײַך, איידער ער האָט זיך נאָך בעזעצט אין סאַדעגערא האָט ער געשיקט רופען צו זיך דעם רב פון דער שטאָדט ה"ר שלמה ז"ל דער בעל המחבר פון ספר „בית שלמה", ער זאָל זיך מטריח זײַן צו איהם תיכף קומען וועגען אַ נייטיגע זאַך, דער הרב רבי שלמה ז"ל איז תיכף געקומען, אָנגעטוהן שוין אין די שבת'דיגע בגדים, אין דער הרה"ק איז זיך נאָך געזעסען אין די וואָכע'דיגע קליידער און גערייכערט די ליולקע, דעמאָלט איז נאָך געווען אַ שעה צום זון=אונטער=גאַנג, דער הרה"ק האָט געהייסען ברענגען אַ בענקעל. אַז ר' שלמה זאָל זיך נעבען איהם זעצען, אין דער הרה"ק האָט אָנהויבען צו דער=צעהלען ר' שלמה'ן אַ מעשה בזה הלשון.

אין רוסלאנד איז געווען אגרויסער נגיד, זיין מסחר איז געווען צו האלטען פאדראדען פון דער מלוכה. איינמאל איז ער שרעקליך פעראָרומט געוואָרען רחמנא ליצלן, נור זיינע פריינד און בעקאנטע האבען צווישען זיך צוזאמען=געלעגט אגרויסע סומע געלד און האבען איהם דאס געגעבען אל'ס א הלואה, ער זאל מיט דעם געלד פאהרען נאך קיעוו, אויף צו מאכען נייע קאנטראקטען און אנצונעהמען אויף פריש נייע פאדראדען, פארידענדיגע'ס דער נגיד איז גלייך געפאהרען נאך קיעוו און האט אנגענומען אגרויסען פאדריאד מיט אגוטען מקח און האט געגעבען עטליכע הונדערט רובעל זאלאג אזוי ווי דאס קומט לוט'ן געזעץ, אין ארוים צינעהמען א קאנטראקט האט ער געדארפט אויפס'נייע פאהרען נאך פעטערבורג אין דארט פאר דעם איבריגען געלד קויפען א קאנטראקט די שרים האבען געהאט גרויס קנאה אויף דעם יוד, פארוואס זאל ער דאס אנקויפען אזא גרויס געשעפט מיט אזא בילינגען מקח, זיי האבען אבער איהם גאר נישט געקענט טוהן, נישט מבטל זיין דעם מקח און אוועקנעהמען פון איהם דאס געשעפט, נאר איין זאך האבען זיי צווישען זיך געמאכט, אום זיך נוקם צו זיין און דעם יוד, אז דאס ארויסגעבען דעם קאנטראקט און דאס צו געבען דאס איבעריגע געלד זאל פארקומען פונקט אין שבת כדי ער זאל זיך מוזען אונטער חתמ'ענען אין שבת און אויב ער וועט זיך נישט וועלען אונטער=חתמ'ענען פערליערט ער דאך דאס גאנצע געלד וואס ער האט נאך פריהער פאר דעם פאדריאד געגעבען, אזוי זאגט דאס קייזערליכע געזעץ, דער יוד האט גאר נישט געוויסט, וואס זיי רעכענען איהם אבציטוהן און איז אהיים געפאהרען זעהר פרעהליך, ווייל ווי ער האט זיך בערעכענט וועט ער אין דעם פאדריאד פיעל פערדינען, אפילו ער וועט שוין האבען אבגעגעבען דעם גאנצען חוב ווען עס איז געקומען די צייט צי נעמען דעם קארטראקט, איז ער גלייך נאך פעטערבורג געפאהרען אבציפארטיגען זיך מיט'ן קויפען דעם קאנטראקט דעמאלט האט ער ערשט געוואהר געוואָרען, אז עס קומט פונקט אוים אין שבת צו צאהלען דעם קאנטראקט, ער האט פון דער זאך געהאט פיעל עגמת=נפש ער האט געוואלט געבען דאס גאנצע געלד פרייטאג, נור מען האט עס פון איהם נישט געוואלט צונעהמען בשום אופן עס איז איהם געווען שלעכט און ביטער אפען הארצען דען זאל ער זיך דא אונטער=חתמ'נען איז דאך שבת, זאל ער זיך נישט אונטער=חתמ'ענען פערליערט ער דאך דאס געלד אפילו וואס ער האט פריהער געגעבען און ער וועט נישט קענען אנגעבען די חובות און וועט בלייבען אריינער ארימאן, הכלל דער יצר הרע האט געזיגט און ער האט זיך טאקי דא אונטערגעשריבען אן שבת און האט אנגענומען דעם פאדריאד און איז זעהר רייך געוואָרען און אבגעצאהלט אלע חובות פאר אקורצע צייט צוריק איז דער נגיד געשטארבען, און מען איז איהם דן אויף יענער וועלט. אויף דעם וואס ער האט מחלל שבת געווען,

דעריבער האָב איך מטריח געוועזן אייך איהר זאָלט מיר זאָגען דעם דין צי אַז מען גייט אייגעם ער זאָל זיך אונטערשרייבען אין שבת, און אַז אויב נישט וועט ער היזק האָבען אַ סך געלד צי דאָס קען זיין עפּיס אַ טענה פאַר דעם נגיד אויף יענער וועלט, און אַזוי ווי מען פּסקנ׳ט דאָ אַזוי פּסקנ׳ט מען אויף יענער וועלט.

דער הרב הגאון ר׳ שלמה האָט נאָכגעקוקט לטובת דעם נגיד און האָט איהם געזאָגט דאָס ער האָט געפינען אין אַ שאלה ותשובה וועגען דעם דין, אַז דעם נגיד קען העלפען די טענה, דאָס מען האָט איהם גענייט דערצו, אויב נישט וואָלט ער היזק געהאַט אַ סך געלד, נאָכדעם ווי דער הרב ר׳ שלמה האָט שוין געהאַט גע־נדינגט זיין געשפּרעך האָט איהם דער הרה״ק געזאָגט, אַגוטען שבת, אַ גוטען שבת, אין האָבען זיך ביידע צושיידט, דעריבער האָט דער הרה״ק געריפען דעם הרב הגאון ר׳ שלמה פונקט פריימאָג פאַר נאַכט ווייל דענסטמאָל איז די צייט פון צי דערהייבען די נשמות און האָט דעם נגיד דערמיט געטוהן אַגרויסע טובה.

—❧—

## יג.

# אַ מַעֲשֶׂה נפלא פון מְשַׁאַרְטְקָעוֶוער רבי׳ן זצ״ל.

די מעשה האָב איך געהערט פון הרב ר׳ אייזיק פון טוטויעוו, איינמאָל איז דער רבי ר׳ אייזיק פאַר פּורים געקומען צי פאָהרען נאָך טשאַרטקאָוו, און האָט מיט דעם טשארטקעווער ז״ל וועגען זיך נאָר נישט גערעדט און אויך נישט אָבגעגעבען קיין שום קוויטעל, נור בלויז איהם שלום געגעבען העכשט דריי טאָג נאָך פּורים האָט ער איהם אָבגעגעבען דאָס קוויטעל, און די מעשה דערפון איז אַזוי: ווען ר׳ אייזיק איז פון דער היים געגאַנגען אַוועק פאָהרען איז צי איהם געקומען דער שמש פון קלויז מיט אַגעוויין, און איהם דערצעהלט ווי אַזוי זיין זוהן וואָס איז שוין לאַנג געווען געשטאָרבען, איז צי איהם עטליכע מאָל געקומען אין חלום און האָט זיך ביי איהם געבעטען ער זאָל איהם זעהען טוהען אַ טובה מחמת יעדע נאַכט ווארפט מען איהם אַרויס פון קבר און דערנאָך לייגט מען איהם צוריק דאָרט אַריין און דעריבער האָט ער איהם געבעטען ער זאָל פאַר איהם אָבגעבען אַ קוויטעל דעם טשאָרטקעווער רבי׳ן זצ״ל, אין דער שמש האָט מיט געגעבען ר׳ אייזיק׳ן אַ קוויטעל צום רבי׳ן, ווי דער רבי האָט געלייענט דאָס קוויטעל, האָט ער זיך אַביסעל געבייזערט אויף ר׳ אייזיק׳ן און איהם געזאָגט, פאַר וואָס האָסט דו מיר באַלד

נישט

נישט אָבגעגעבען דאָס קוויטעל [נור הערשט געוואַרט אַכט טאָג פון דיין קומען און מיר יעצט אָבגעגעבען, ר' אייזיק איז זעהר דערשראָקען געוואָרען און האָט גאָר נישט געהאַט צו ענטפערען.

## יד.

# אַ וואונדערליכע שעהנע געשיכטע פון הרה"ק ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל.

אין דער שטאָדט גלינא, נעבען לעמבערג איז געוועזען אַגרויסער עושר מיט'ן נאָמען ר' מאיר, אַלע געשעפטען פון דער שטאָדט זענען געווען אין זיין האַנד אויך די טאַקסע און פראָפינאַציע האָט ער געהאַלטען, און די רוב שטאָדט האָט זיך פון זיינע געשעפטען געשפייזט, אַלע שטאָדט לייט האָבען איהם שטאַרק ליעב געהאַט מחמת ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין גוטע מעלות, תורה, גמילות=חסדים, און איבער אַלע זיינע געשעפטען האָט ער געזעצט אַנ'עהר=ליכען מענש וואָס ער האָט געפיהרט די ביכער אין האָט איהם אַלעס אָנגעטרויעט, ער האָט געהייסען ר' חיים, ר' מאיר האָט געהאַט אַנ'איינציגען זוהן, ווען דער זוהן איז דערוואַקסען געוואָרען האָט איהם דער פאָטער אָנגעגעבען אַ חלק אין זיינע געשעפטען כדי ער זאָל האָבען פרנסה דורך איינענער אַרבייט, נישט הערשט ברויכען אָנצו=קומען צום פאָטער, דער זוהן האָט געהייסען משה, משה האָט זיך אָנגעהובען אַרומצוקוקען אין די געשעפטען און האָט געזעהען אַז אַלע געשעפטען זענען אָנגעטרויעט ר' חיים'ן און מען קוקט איהם גאָר נישט נאָך, מען רעוויזירט גאָר נישט זיינע רעכענונגען האָט איהם די זאַך שטאַרק פערדראָסען ער האָט פון דעם עטליכע מאָל מיט דעם פאָטער גערעדט נור דער פאָטער האָט איהם געענטפערט דאָס ער פערלאָזט זיך אויף איהם מיט אַלעם וויל וויפיעל מאָל ער האָט איהם נאָכגעפאָרשט און נאָכגעקוקט האָט ער געזעהען, אַז ער טהוט אַלעס מיט עהרליכקייט און טהוט גאָר נישט פון מיר בעהאַלטען קיין זאַך און דערום איז ער ביי מיר אַלס גרויסער נאמן (עהרליכער מאַן) און איך ברויך איהם אין ערגיץ נישט נאָכצוקוקען, האָט זיך איינמאָל געמאַכט אַז דער יונגער=מאַן משה האָט ר' חיים'ן זיין דעה געזאָגט אין געשעפט'ס=זאַכען אין ה"ר חיים האָט איהם נישט גע=וואָלט פאָלגען און האָט געטוהן ווי איהם אַליין האָט געפאַלען די זאַך האָט משה'ן זעהר פערדראָסען וואָס ר' חיים פאָלגט איהם נישט אויך דער פאָטער זאָגט איהם גאָר=נישט ווענען דעם, און ר' חיים טהוט זיך

## אַ וואונדערליכע געשיכטע פון הרה"ק ר' מאיר'ל מיט דעם רוזינער זצ"ל

אַזוי ווי אַ מענש אין זיין איינען געשעפט האט זיך דער משה איין עצה
געגעבען און האט אויסגעשניטען אַבלאַט ווי עס איז אויפגעשריבען די
אויסגאַבען און איינקונפטען פון ר' חיים'ס בוך אַרויס, ער האט עס
אַזוי קונציג אויסגעשניטען אַז מען זאָל גאָר נישט דערקענען, אַז עס
פעהלט עפּיס אַרויס אַבלאַט און קיינער האט דערפון גאָר נישט גע=
וואוסט, דער שטיינער פון ר' חיים'ען איז געווען אַלץ איינצי=שרייבען
אין בוך, איינטאָג אין יאָהר איז געווען אויסגעזעצט וואָס ר' חיים האט
געדאַרפט ווייזען דעם גביר דעם רעכענונג פון דעם גאַנצען יאָהר, אַלע
אויסגאַבען און איינקונפטען, ווען עס איז געקומען עטליכע טעג
פאַר דעם בעשטימטען טאָג, האט ר' חיים גענומען איין אַלגעמיינעם
רעכענונג פון גאַנצען יאָהר, און ווי ער האט אַזוי אַריינגעקוקט אין
בוך אַריין האט ער געזעהען, אַז עס פעהלט אַ סך פון דער קאַסע וואָרום
אַ סך אויסגאַבען איז געווען געשריבען און דעם אויסגעשניטענעם בלאַט
און ער האט דערפון נישט געוואוסט איז לויט זיין רעכנונג האט גע=
דאַרפט זיין אין דער קאַסאַ מעהר ווי עס איז יעצט דאָ, און ביי זיך ווייס ער
אַז ער האט קיין פרוטה אפילו נישט אַראָבגענומען, אָבער ווייזען דעם
רעכנונג קאָן ער דאָך נישט און ער האט דערפון געהאַט גרויס ענמת
נפש און פיעל יסורים און פון גרויס בושה אין פיעל וויטאָג איז דער
ר' חיים קראַנק געוואָרען אין איז געשטאָרבען אַלע געשעפטען זענען
יעצט איבערגעגאַנגען צו דעם משה דעם נגיד'ס זוהן, דער געשטאָרבע=
נער ר' חיים איז יעדע נאַכט געקומען צו משה צום חלום ער זאָל
זיך מיט איהם געהען משפט'ען פאַר דעם בית=דין=של=מעלה, ווייל אַלץ
איבער איהם איז ער געשטאָרבען וואָס ער האט איהם בחנם (אומזיסט)
אַזאַ שטיקעל אָבגעטוהן און זיין צייט צו שטאַרבען איז נאָך נישט
געווען נור אַלץ איבער איהם ביים אָנפאַנג האט ער גאָר נישט געקוקט
אויפען חלום, ווייל ער האט געמיינט, אַז עס איז אַנאַרישער חלום נור
נאָכדעם ווי עס האט איהם וועגען דער זעלבער זאַך שוין עטליכע מאָל
געחלום'ט האט ער אָנגעהויבען מורא צו קריגען, זיין פאָטער ה"ר ר'
מאיר איז מיט זיין זוהן געפאָהרען צום הרב הצדיק ה"ר מאיר פרעמי=
שלאַנער זצ"ל ער איז געווען פון זיינע נאָהנטע חסידים ער האט נישט
אויסגעזאָגט דיא סבה פון זיין זוהנ'ס קרענק, דער הרה"ק האט
איהם געוועהנטליך געבענשט און זענען תיכף אַהיים געפאָהרען אָבער
זיין זוהן משה איז וואָס אַמאָל שוואַכער געוואָרען, מחמת די שרעק
פון חלום וואָרום ער האט געוואוסט אַז ער האט שלעכט'ס געטוהן דעם
געשטאָרבענעם נאָמן און האט זיך געהאַלטען פאַר שולדיג דעריבער זענען זיי
נאָך אַמאָל געפאָהרען צום הרה"צ ר' מאיר ז"ל און האָבען איהם ווייטער
נישט אויסגעזאָגט די אורזאַך פון זיין קראַנקהייט, דער הרה"צ האט זיי
ווייטער געבענשט און זענען תיכף אַהיים געפאָהרען אָבער משה דעם
נגיד'ס זוהן איז נאָך נישט געהאָלפען געוואָרען און פון טאָג צו טאָג
איז ער אַלץ שוואַכער געוואָרען ביז זיי זענען צום דריטען מאָל גע=

פאָהרען צום הרה״צ און האָבען שוין אויסגעזאָגט די אורזאַך פון זיין קראַנקהייט און האָבען איהם וועגען אַלץ דערצעהלט, ווי דער הרה״צ האָט דאָס אַלעם אויסגעהערט, האָט ער צו זיי אַזוי געזאָגט: איך קען אייך נאָר ניט העלפען אין דעם, נאָר מיין עצה איז, איהר זאָלט פאָהרען צום הרה״ק, דער ריזינער, טאָמער וועט ער ענק זאָגען וואָס צו טוהן כן הוה. זיי זענען באַלד געפאָהרען קיין סאַדיגורא צום רוזינער זצ״ל און האָבען איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה, און די אורזאַך וואָס זיין זוהן משה איז קראַנק, און אַז ר׳ מאיר׳ל האָט זיי געהייסען פאָהרען קיין סאַדיגורא צום רבי׳ן טאָמער וועט ער זיי קענען העלפען. דאָס אַלעם האָבען זיי דעם רוזינער דערצעהלט, ודער רוזינער האָט זיי גע־ענטפערט בזה הלשון; דער הרב ר׳ מאיר׳ל האָט אייך געזאָגט, טאָמער וועל איך אייך קענען העלפען און איך זאָג אייך צו דאָס איך וועל אייך געוויס קענען העלפען אי״ה. איך האָב אויף דעם איין עצה, מיט דעם וואָס איך וועל דערהייבען די נשמה פון געשטאָרבענעם ר׳ חיים נאָך אין אַהעכער׳ן עולם, אַזוי אַרום וועט ער פערגעסען וואָס האָט זיך מיט איהם דאָ געטראָפען אויף דער שפּל׳דיגער וועלט וועט אייער זוהן אַזוי אַנאָך געהאָלפען און געהיילט ווערען, עס איז טאַקע אַזוי געווען, דעם נגיד׳ס זוהן משה איז תיכף געהיילט געוואָרען דורך דער פעולה און ברכה פון הרה״ק דער רוזינער זצ״ל, זיין זכות זאָל אונז אַלעמען בייּשטעהען אמן.

## טו

# אַ וואונדערליכע מעשה פון הרב ר׳ אהרן טשערנאָבלער זצ״ל.

אַ מעשה נורא וואָס דער משולח ה״ר ר׳ אליהו טשערנאָבלער ז״ל האָט דערצעהלט פון זיין רבי׳ן הרה״ק ה״ר אהרן ז״ל

קיין בערדיטשוב איז אַמאָל איינער געקומען צו פאָהרען און איז גלייך אַריינגעגאַנגען און טשערנאָבלער קלויז, דאַמאָל׳ס איז געווען אין מיטען טאָג האָט ער אָנגעהויבען זוכען עטליכע מענשען וואָס ער האָט זיי געוואָלט קויפען בראָנפען אַזוי ווי דער מנהג איז צווישען חסידים האָט ער מעהר דאָרט ניט געטראָפען ווי איין מענש ער האָט איהם דאָס זעלבע געזאָגט האָט דער מענש געברענגט עטליכע טשערנאָבלער חסידים אין קלויז אַריין דער אָנגעקומענער חסיד האָט צו זיי אַזוי געזאָגט, אויב עטץ ווילט טרינקען בראָנפען וועל איך ענק געבען

וויפֿיעל עס'ן ווילט נור אליין, זיי האָבען איהם געענטפֿערט יעצט נאָך דעם מיטאָג, וועלען מיר קיין בראָנפֿען נישט טרינקען, אויב איהר ווילט אונז געבען וויין וועלען מיר גערן טרינקען, דער נאָכט איז מיט זיי געגאַנגען אין אַ וויין=געשעפֿט און האָט זיי געגעבען וויין וויפֿיעל זיי האָבען נור געוואָלט אין מיט'ן טרינקען האָבען זיי איהם געפֿרעגט די סבה פֿון זיין וויין=געבען ער האָט זיי דערצעהלט אַזאַ מעשה.

שוין מיט פֿיעל יאָהר צוריק בין איך געפֿאָהרען אויף אַ יריד איינציקויפֿען סחורה איך האָב מיט מיר מיט געהאַט פֿיער הונדערט רובל איך מיט נאָך איין מענש זענען מיר איינגעשטאַנען אין איין אכסניא, וואָס ער איז אויך געקומען אויף דעם יריד איינצוקויפֿען סחורה און האָט אויך מיט זיך געהאַט פֿיער הונדערט רובעל, דאָס גאַנצע געלד איז נישט געווען זיין איינענ'ס, וואָרום ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן נור דאָס געלד האָט מען איהם געבאָרגט ער זאָל קענען פֿאָהרען אויף דעם יריד אַנקויפֿען סחורה און אַזוי אַרום קענען מפרנס זיין זיין פֿאַמיליע דער איינענער מענש האָט זיך מיט מיר אין איין צימער אויפֿגעהאַלטען, ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבען אין דער פֿריה און איז געגאַנגען אין גאַס אַריין, האָט ער פֿערגעסען מיט צו נעהמען דאָס געלד מיט זיך און איך האָב עס דערנאָך געפֿינען און צו זיך גענומען, איך האָב מיך געלאָזט איבערערען פֿון יצר=הרע און איך האָב איהם נישט צוריק געגעבען דאָס געלד, דער אומגליקליכער איז צוריק געקומען אין דער אַכסניא און האָט געשריגען און געוויינט וואָס ער האָט פֿער=לאָרען דאָס געלד, מחמת ער האָט גערעכענט, אַז ער האָט דאָס געלד אויף דער גאַס פֿערלאָרען און מיט גרויס עגמת נפש איז ער אַהיים גע=פֿאָהרען ווי ער איז אַהיים געקומען אין זיין שטאָדט האָבען איהם די בעלי חובות נישט געוואָלט גלויבען אַז ער האָט פֿערלאָרען נור זיי האָבען איהם חושד געווען אַז ער האָט בעהאַלטען דאָס געלד פֿאַר זיך און וויל זיי בעגזל'ען, ער איז ביי אַלעמען אין די אויגען געוואָרען אויס ערליכער מאַן און מען האָט אויף איהם גע=קוקט ווי אויף אַזעהר נידריגען מענש, און איז אַלע שטאָדט ליים נמאס געוואָרען ביז מען האָט איהם אָבגענעבען אַלס זעלנער אַזוי ווי דער מנהג איז דעמאָלט געוועהן אין אַ צייט אַרום מחמת גרויס צער איז ער קראַנק געוואָרען און איז געשטאָרבען דאָס ווייב און קינדער זענען פֿאַר נויט שיעור אויס געגאַנגען און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט דערבאַרימט, איך האָב אין מיין מסחר זעהר מצליח געווען איך האָב שוין אינג=גאַנצען פֿערגעסען דאָס אומהעכט וואָס איך האָב געטהון מיט דעם וואָס איך האָב איהם בעגזל'ט, אין אַצייט אַרום איז דער זעלבער מענש מיר געקומען צום חלום אין מיר געזאָגט; זאָלסט נישט מיינען אַז די וועלט איז הפקר, איך וועל דיך פֿריהער נישט אָבלאָזען ביז דו וועסט מיט מיר געהען זיך משפט'ען פֿאַר דעם בית=דין=של=

מעלה

מעלה, אין דער פריה ווען איך בין אויפגעשטאַנען האָב איך מיך אויסגעלאַכט פון חלום, זאָגענדיג אַז עס איז אַ נאַרישער חלום אָבער אין דער צווייטער און דריטער נאַכט איז ער ווייטער מיר געקומען צום חלום און ווייטער מיך אָנגעשראָקען מיט די זעלבע ווערטער ביז איך בין דערפון קראַנק געוואָרען, ווייל איך האָב בעשיינפערליך געזעהען אַז עס שטעקט עפּיס דערינגען אַנ'אמת'ע זאַך, איך בין באַלד געפאָהרען צו ר' אהרן קאַרלינער ז"ל, איך האָב איהם בסוד דערצעהלט די גאַנצע מעשה און ער האָט מיר געגעבען אַזאַ עצה, ווען דער געשטאָרבענער וועט נאָך אַמאָל מיר קומען צום חלום און מיך רופען צום בית=דין=של=מעלה זאָל איך איהם זאָגען. אַז איך וויל נישט געהן מיט איהם דן זיין צום בית=דין=של=מעלה, וואָרום די תורה איז נישט אויפען הימעל נור אויף דער ערד וויל איך האָבען מיט דיר אַ דין=תורה פאַר'ן הרה"ק ר' אהרן טשערנאָבלער ז"ל און אַזוי ווי ער וועט פסק'ענען אַזוי וועט זיין און איך וועל מקיים זיין, אויב דער געשטאָרבענער וועט אָנגעהמען די תשובה איז גוט און אויב נישט האָב איך פאַר דיר נישט קיין אַנדערע עצה אַזוי האָט מיר ר' אהרן קאָרלינער אַנ'עצה געגעבען; דערנאָך בין איך גלייך אַהיים געפאָהרען און דער זעלבער נאַכט איז מיר דער געשטאָרבענער ווידער געקומען צום חלום איך האָב איהם אָבער באַלד געזאָגט דאָס וואָס ר' אהרן קאָרלינער האָט מיך געהייסען דער געשטאָרבענער האָט איינגעשטימט דערויף איך האָב איהם געבעטען, אַז ער זאָל נאָך וואַרטען אַשטיקעל צייט ביז איך וועל אין גאַנצען געזונד ווערען און דערנאָך וועל איך גלייך פאָהרען צום הרה"ק ר' אהרן טשערנאָבלער זצ"ל, ווען איך בין געזונד געוואָרען בין איך געפאָהרען צום ה"ר ר' אהרן טשערנאָבלער זצ"ל און האָב איהם געזאָגט אַז איך האָב מיט איהם עפּיס אַ סוד צו רעדען, ער איז מיט מיר געגאַנגען אין אַבעזונדער צימער און איך האָב איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה און צו וואָס איך בין צו איהם געקומען דער רבי האָט בעשטימט אַ געוויסען טאָג אויף דער זאַך אין דעם זעלבען טאָג באַלד און דער פריה האָט דער רבי נאָך מיר געשיקט אַ בעזונדער'ן שליח, אַז איך זאָל צו איהם תיכף קומען איך בין געגאַנגען צו איהם מיט גרויס ציטערניש און פלאַטערניש, דער רבי האָט מיך אַנידער געשטעלט אין זיין צימער און ער איז געשטאַנען ביים פענסטער מעהר ווי אַהאַלבע שעה און צו מיר אַזוי געזאָגט חאָטש דער מת פערלאַנגט מענשליכע נפשות פונדעסטוועגען איז מיין פסק אַזוי, רעכען דיר אויס דיין גאַנץ פערמעגען וויפיעל עס בעטרעפט זאָלסטו העלפט דערפון געבען דעם געשטאָרבענעם'ס אלמנה מיט זיינע יתומים, און די צווייטע העלפט זאָלסט דו זיך נעהמען פאַר דיר זעלבסט, אויב דו וועסט פאָלגען וואָס איך זאָג דיר יעצט, וועט זיין גוט, ער האָט זיך ווייטער אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום פענסטער און געשטאַנען דאָרט עטליכע מינוטען דערנאָך זיך אויסגעדרעהט צו מיר און אַזוי געזאָגט, חאָטש

דער מת האָט אויף דעם פסק־דין טענות, און זאָגט אַז אַהאַלב פערמעגען קומט איהם סײַ־ווי־סײַ הײַנט ווי זענען זײַנע יסורים, זײַן טויט און די יסורים פון זײַן ווײַב און קינדער און חאָטש עס קאָן זײַן אַז ער איז גערעכט מיט זײַנע טענות פונדעסטוועגען נאָכדעם ווי איך האָב אַזוי געפסק׳ענט אַזוי וועט שוין בלײַבען, און דער מת קאָן שוין נישט מבטל מאַכען מײַן פסק־דין, די דאַרפסט נאָר נישט מורא האָבען פאַר איהם גור זאָלסט האַלטען מײַן פסק־דין, און איך בין תיכף אַהײַם געפאָהרען מיט גרויס פרייד און האָב עהרליך אויסגערעכענט מײַן גאַנץ פערמעגען, וועלכעס האָט בעטראָפען פערציג טויזענד רובל צוואָנציג טויזענד רובל האָב איך גלײַך אַוועק געגעבען דעם נע־שטאָרבענעמ׳ס אלמנה מיט זײַנע יתומים אַזוי ווי דער הרה״צ האָט געפסק׳ענט און דעריבער גיב איך יעצט בראָנפען די מקורבים און די חסידים פון הרב הקדוש, ווײַל ענקער רבי האָט מיך מציל געווען פון צי משפט׳ען זיך בײַ׳ם בית־דין־של־מעלה, זײַן זכות זאָל אונז בײַ־שטעהען אמן.

# טז

# אַ זעהר וואונדערליכע מעשה פון הרה״ק ר׳ פנחס מקאריץ ז״ל.

די מעשה האָט דערצעהלט ר׳ אליהו טשערנאבלער ז״ל וואָס ער האָט דאָס געהערט פון הרב הקדוש דעם פורנאָער׳ס איין אײניקעל זצ״ל.

דער הרב הנגיד ר׳ יהושיע העשיל פון סלאוויטא דעם הרה״ק פון סלאוויטא׳ס אַנ׳אײניקעל· האָט זיך נוהג געווען צו געבען אַנ׳אָרענטליכע נדבה דעם הרב הקדוש פולנאָער׳ס אײניקלעך, מעהר ווי די אײניקלעך פון אַנדערע צדיקים, און אַז מען האָט איהם געפרעגט אַ טעם דערויף האָט ער געענטפערט, אַז ווען נישט זײַער זיידע דער הרב פון פולנאה, וואָלטען מיר נישט געווען געהאַט קײַן זיידען, די מעשה דערפון איז אַזוי.

דער הרה״ק ר׳ פנחס מקאָריץ זצ״ל, איז יונגערהייט געווען אַ מלמד אין פולנאה, מען האָט איהם גערופען „דער שוואַרצער מלמד״, דער הרב ר׳ פנחס דער מלמד, איז געווען איין אײנגעהער בײַ דעם הרה״ק דער פולנאָהער, און ער האָט איהם זעהר ליעב געהאַט מחמת ער האָט

געוואוסט און בעמערקט זיין גרויס פּרוטקייט וואָס אַנדערע מענשען
האָבען דאָס גאָר נישט געזעהען, דער הרב הק׳ פון פולנאה האָט
געהאַט אין מרחץ אַ בעזונדער מקוה׳לע, און דער מלמד
ר׳ פנחס האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם ערלויבען צו גיין אין זיין
מקוה אַריין ווען ער וועט נור ווילען פריי בייגאַכט, סיי ביי טאָג אין דער
הרה״ק האָט אָנגעזאָגט דעם בעדער אַז ער זאָל אַריינלאָזען ר׳ פנחס׳לען
און זיין מקוה צו יעדער צייט ווען ער וועט נאָהר קומען, איינמאָל
האָט זיך געטראָפען, דער מלמד ר׳ פנחס איז געגאַנגען אין מרחץ נאָך
האַלבע נאַכט און האָט אָנגעקלאַפּט ביים בעדער ער זאָל איהם אַריינ=
לאָזען אין דעם שטיבעל אַריין, דער בעדער האָט נישט געוואָלט עפּע=
נען דאָס מרחץ ווייל אין דעם זעלבען טאָג האָט ער געהאַט
געקויפט פּיעל גענז האָט ער זיי דאָרט אין דעם זעלבען שטיבעל
אַריינגעשטעלט, ווי דער מלמד האָט געזעהען אַז ער וויל איהם נישט
אַריינלאָזען איז ער נישט אַהיים געגאַנגען אָהן טבילה נור ער האָט
אויסגעבראָכען עטליכע שינדלען פון דאַך אין דורך דעם לאָך אַריינ=
געקומען אין דער מקוה ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן טובל געווען
דערנאָך האָט ער געוואָלט דורך דעם זעלבען לאָך אַרויסגעהען פון מרחץ
נור ווייל דאָס לאָך איז געווען זעהר ענג האָט זיך אַ בעלקע אָב=
געבראָכען פון דאַך און די בעלקע איז אַרויפגעפאַלען אויף דעם מלמד
ווען ער איז אַראָבגעגאַנגען פון דאַך און איז תיכף געבליבען טויט,
אַגאַנצע נאַכט איז ער אַזוי געבליבען ליעגען ביי דער וואַנד פון מרחץ
און קיין שום מענש האָט דערפון נישט געוואוסט, ווען דער הרה״ק
האָט זיך אופגעהויבען פון שלאָף האָט ער געזאָגט צום משמש גיה נור
אַרויס דרויסען אין נאַם אין זעה נור וואָס פאַר אַ רעש איז דאָס וואָס
איך הער פון דרויסען? דער משמש איז אַרויסגעלאָפען אָבער ער האָט
גאָר נישט געהערט ער איז אַריין געקומען צוריק צום הרה״ק און געזאָגט
צו איהם אַז עס איז גאָרנישט קיין שום רעש אין דרויסען, דער הרה״ק
האָט דעם משמש נאָך אַמאָל אַרויסגעשיקט ווייל ער האָט געהערט
אַ שרעקליכען רעש פון דער גאַס נור דער שמש איז ווידער צוריק אַריינ=
געקומען אין געזאָגט צום הרה״ק אַז אין גאַס הערט זיך גאָר קיין שום
רעש נישט ווען עס איז ליכטיגער געוואָרען האָט מען געזעהן דער
וואַנד פון מרחץ געפינען אַגעהרג׳נטען מענש מען האָט באַלד דערקענט
אַז דער טויטער איז דער „שוואַרצער מלמד״ עס איז געוואָרען אַגרויסער
רעש אין דער שטאָדט ביז פון דער זאַך האָט זיך אויך דערוואוסט
דער הרה״ק ז״ל, ער האָט דורך זיין משמש בעפאָהלען אַז מען זאָל
דעם טויטען נישט ריהרען פון אָרט ביז ער וועט דאָרט אַהין קומען
דער הרה״ק איז געגאַנגען אין בית=המדרש אַריין זאָגען תהלים און האָט
זעהר געוויינט און געבעטען פאַר גאָט ב״ה מיט די ווערטער; רבונו
של עולם געב איהם צוריק די נשמה ער זאָל לעבען, דו ווייסט מיר
דאַנקען פאַר איהם, ער איז אַגרויסער ירא שמים און אַצדיק אַזוי האָט

ער אַלאַנגע צייט געוויינט און געבעטען דערנאָך איז ער געגאַנגען צום אָרט פון גע'הרג'עטען, האָט דעם סת אָנגעריהרט און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט, פנחס'ל! שטעה אויף און געה לער'ן מיט די תלמידים, דו ביסט דאָך אַ שכיר יום, עס איז טאַקע אַזוי געוועזן הרב ר' פנחס'ל ז"ל האָט זיך תיכף אויפגעשטעלט און איז גלייך אהיים גע־גאַנגען און אַלע האָבען דאַן איינגעזעהען בעשיינפערליך אמת'ע תחית המתים.